ארבעטער-רינג
פראפאגאנדע קאמיטעט

סערקל הויז, עלי סט., א.1.

יעדן זונטיק 3.30 קומען פאר ליטעראַרישע, געזעלשאַפטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען איבער קול-טורעלע און פאליטישע פּראָבלעמען.

די ביבליאָטעק איז אָפן יעדן זונטיק פון 12־2.

די
בן-אורי קונסט גאלעריע

14, Portman St.,
London, W.1.

האָט אַן אויסשטעלונג פון
מאלעריי און צייכענונגען
פון סאַלאָמאָן י. סאָלאָמאָן, ר.א.,
און פון לילא דעליסא דזשאָועס,
פון 5־טן ביז 26־סטן מאי.

ניי-אידיש טעאטער
פאלקס הויז (בית עם לטר.) אדלער סט., א.1
דירעקטאָריום: וו. קאסאָף, ה. רייפעלזאָן, מרס. שאַפּירא.
שטערמאן: מ. ביטלער. אָנפירונג: א. מייזעלס. האָנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער

און די קינסטלער קאמפּאַניע לויט א״ב:
פרויען: אנא בוים, מארי גאלדשטיין, קלאַראַ מייזעלס, מעטא סעגאל, אנא צעלניקער, מיני שערמאן א.א.
מענער: מאָריס אַקסעלראָד, מאַקס בוים, פאול גאלדשטיין, דוד סעגאל, א. פוקס, שלמה קאָהן, יאָזעף שערמאַן, משר שאַפּיראַ, נייטען שווארץ, א.א.
מוזיק דירעקטאָר: פהיל בערנשטיין.

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאָג געשלאָסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.


76

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


ועקסטער יארגאנג | לאָנדאָן, יוני 1946 | נומער 6 (העפטל 77)


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט:


דאָס שאפן פונם פאלק ** . . . . 1
שלום. צום מלחמה אינוואליד (לידער) . . . 7
דער נצחון־עשאלאָן (רעפּאָרטאַזש) י. ר א פ אָ פּ א ר ט . 9
נעכטן היינט און מאָרגן. פּ ר ץ ז י ל ב ע ר ב ע ר ג . 11
בשעת תפילה (סקולפּטור) מ. ס א ק א ל . . 15
רבי עקיבא, לא תרצח, שבת־לייכטער א.א. (לידער און באַלאַדע)
א. נ. ש ט ע נ צ ל . . . 16
אייזערנע קאַסע (פון דער סעריע איבערלעבענישן) מ ש ה ע ו ב ד 23
אַן אשת איש (מאָנאָלאָג) ל. ש. ק ר ע ד י ט א ר . . 28
אין תפיסה, די רפואה, תקומה, דער שכר (סאָנעטן) י. ש. ט ו י ב ש 32
אַ בריוו ווי מ׳ליינט אים און אַ וואָרט ווי מ׳פּאַרטייטשט עס (עסיי)
נ ח ו ם ש ט ע נ צ ל . . . . 34
דעם שליפערס ליד (ליד) מ ש ה ע ו ב ד . . . 36
דערהערט דעם גלאָק (מוזיק) י. ב י א ל ס ק י . . 37
דער טעקסט פונם ליד . . . . 38
אויף אַלט נייע וועגן, ש. ג א ל ד ע נ ב ע ר ג . . 39
סאָלאָמאָן י. סאָלאָמאָן און לילי דעליסא יאָסעף א. נ. ש. . 42
יאַשע זעלדין (פון דער סעריע שרייבער שלאַכטלייט) י. ד א ב ר ו ש י ן 47
ביי יידן און ביי גאַנדין אין אינדיע (נאָטיצן פון אַ רייזע-טאַגבוך)
ק אַ מ י ל י. ה א נ י ק . . . 50
אַ שטעקעלע אַריין אַ שטעקעלע אַרויס ש... . . 56
פעראיין־ און רעדאַקציע נאָטיצן . . . . 59
קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ . . . 60
קולטור ידיעות פון דאַ . . . . 62
יידיש־ליטעראַריש שבת־נאָכמיטאָגס . . . 64


פרייז 1 שילינג

אבאנאמענט פאר דער יאר 13ש.און 6פ.


אדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאראָד־פרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייוואָ
535 וועסט 123־סטע גאַס, ניו־יאָרק 27, נ״י

YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE—YIVO
535 WEST 123rd STREET, NEW YORK 27, N. Y.

טייערע פריינד:

מיר ווייסן, אַז איר זייט אַן אַלטער פריינד פון „ייוואָ" און אַז די לויפיקע אַרבעט פון „ייוואָ" איז אייך זיכער באַקאַנט. דעריבער ווענדן מיר זיך צו אייך מיט דער בקשה אונדז באַהילפיק צו זיין ביים אָרגאַניזירן דאָס זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן יידישן לעבן אין ענגלאַנד. היינט צו טאָג באַקומען מיר אפילו נישט די יידישע צייטונגען וואָס גייען אַרויס אין ענגלאַנד (אַ חוץ פ' שטענצעלס העפטן); פון בראָשורן, אויפרופן, דאָקומענטן אאַז"וו איז שוין אָפּגערעדט. דאָס איז אַ גרויסער שאָד, ווייל מיר נייטיקן זיך אין די מאַטעריאַלן פאַר פאָרשערס, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוערס. נישט ווינציקער וויכטיק איז אויפצוהיטן די דאָזיקע דאָקומענטן לזכרון.

מיר בעטן אייך דעריבער איר זאָלט אונדז באַהילפיק זיין ביים זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן יידישן לעבן אין ענגלאַנד. צו די וויכטיקסטע מאַטעריאַלן געהערן: צייטונגען, ביכער, בראָשורן, אויפרופן, פאָטאָגראַפיעס פון אינסטיטוציעס, גרופעס, און יחידים, בלערליי דאָקומענטן אאַז"וו.

בעט אויך אַנדערע פריינד און אונדזער נאָמען אונדז באַהילפיק צו זיין אין דער אַרבעט. שיקט אונדז, מיר בעטן אייך, אַדרעסן פון רעדאַקציעס, אָרגאַניזאַציעס און יחידים, צו וועלכע מיר וואָלטן זיך געדאַרפט ווענדן דירעקט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען גרייט צו דעקן אַלע פּאָסט־הוצאות.

מיט פריינדלעכע גרוסן,

**מ. ווײַנרייך**
וויסנשאַפטלעכער דירעקטאָר.

• •

דר. א. א. ראָבאַק שרייבט אַן אַרטיקל אין דער „ענציקלאָפּעדיאַ אַמעריקאַ" און וואָלט געוואָלט, אַז מ'זאָל אים צושיקן אַלץ וואָס ווערט געדרוקט אין לאָנדאָן, בכדי ער זאָל וויסן וועמען צו דערמאָנען. דאָ איז דר. א. א ראָבאַקס אַדרעס:

Dr. A. A. ROBACK, 8, Proscoss St. Cambridge 38, Mass. U.S.A.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור. טעאַטער. קונסט און קולטור.

זעקסטער יאָרגאַנג | לאָנדאָן, יוני 1946 | נומער 6 (העפט 77)

## דאָס שאַפן פונם פאָלק

(צום יובילעאום פונם „ייוואָ")

I

די כהרף־עין־דיקע אינטואיציע, די פאַרפלויגענע ווייזע ווערט פעסטגעהאַלטן מיט אַ קנייטש אינם שטערן, מיט אַ פּעלטל אין דער ליפּ; יעדע נאָכיאָגנדיקע הויה, יעדער דערשראָקענער אָדער פרייידיקער אויסגעשריי דערפון איז דער לעבעדיק געבליבענער פאָלקלאָר.

אַ גייסטיק אָרבטנדיק פאָלק איז אַ בינענשטאָק, וואָס אין זיין בזעת־אפּיך־אויסשוויצנדיקן וואַקס טאָרגט עם דעם אָנגעזאַמלטן האָניק. און וואָסער שמעקעדיקע זיסקייטן אין איינאייניציקן טראָפּן: פון אַ כמעט שוין פאַרגעסענעם פאָלקס־ליד וואָס פאַר אַ וואָגנדערלעכע סימפאָניע; און איין פאָלקלאָר־וואָרט איז אַ מאָטאָ פאַר אַ פילבענדיקן עפּאָס; און אין אַ מאָטן צעפרעסענעם אַלטן פאָלקס־בגד, פון אַ פאַרביקע נאַציאָנאַלע טראַכט, וואָסער בינע רעקווי־זיטן, וואָסער מאָלערישע קאָמפּאָזיציעס. אין איין אויגנבליק קאָן מען איבערלעבן, צומאָל אַליין ווערן אַ טייל פון פאַרגאַנגענע עפּאָכעס.

און אויב מיט דער קונסט טוט דאָס פאָלק רעקאָנסטרואירן זיין לעבן, טוט עס מיטן כוח־פון וויסן — קאָנסערווירן! פאַר אונז שטערבלעכע, וועלכע האָבן שוין טועם געווען דעם טעם פון עץ הדעת איז דאָך נאָך געבליבן צו זוכן די אומשטערבלעכקייט דורך דער קונסט און דורך דער וויסנשאַפט.

און נישט נאָר בלויז קאָן מען דאָס וואָס מוז פאַרגיין פעסטהאַלטן דורך קונסט און וויסן. דורך פאַרגייסטיקן און פאַרפאַקטישן דערפאַרונגען, נאָר שעפערישע פרייד איז סטימול און דערמוטיקונג לענגער אויסצוהאַלטן, און מיט וויסן קאָן מען דאָס לעבן פאַרלענגערן און פאַריינגערן.

פאַרן מאָדערנעם ייד אַצינד מיטדערלעבנדיק דעם גרויסן בראָך אונזערן, זעענדיק פאַר די אויגן כסדר די חרב־המתהפכת, די הענגענדיקע טויט־שווערד איבער אונזער קאָפּ זיינען געבליבן די צוויי וועגן, בכדי צו קענען ווייטער גלויבן אין אונזער נצחיות — די יידישע קונסט און די יידישע וויסנשאַפט. דער מאָדערנער ייד און מענטש קאָן זיך נישט מאַכן קיין געטער, קאָן נישט ווערן אַבערגלויביק — מאַכן קאָן מען נעצן! אָבער אַ מיטבאַטייליקטער אין מעשה בראשית קאָן מען זיין.

עס איז פאַרשטענדלעך דער נעאָ־חסידיזם און די רעליגיעזע און געטאָ

שטימונגען צווישן יידישע אינטעלעקטועלע און יידישע קינסטלער. דער שרעק פאר אונזער קיום ליגט ארויף גרויס אחריות אצינד אפילו אויף די „פרייע", אויף די יידן וואס האבן געוואלט לעבן ווי פרייע מענטשן, אויף די לייכטע קינסטלער־נאטורן, ביי וועלכע פריקת־עול איז די צווייטע טבע.

זיינען אבער די שטימונגס־שוואכקייטן, דאס סענטימענטאליזירן נישט ווידער א נייער פריקת־עול, א וועלן זיך פריש פריי מאכן פון די נייע שווער געשאפענע פאזיציעס? אננעמען דאס רעפארמיש צעשוואומענע פונם מערב יידנטום, א גייסטלאזע פראקטיש־נוצלעכע גייסטלעכקייט, און פארעם, און עקזאקטקייט, דעם „קלוגן" חכמת ישראל יודאאיזם, וואו ביידע, דאס גייסטיק־שעפערישע און דאס גייסטלעך טראדיציאנעלע ווערט דערנידריקט עד שאול תחתיה — — —

און נישט נאר בלויז פונם יידיש־עטישן און נאציאנאלן קיום שטאנדפונקט אליין, נאר פונם ריין־וויסנשאפטלעכן און עסטעטיש־קינסטלערישן! ווארים הן די ליטעראטור און הן די יידיש־וויסנשאפט, די שפראך־און געשיכטס־פארשונג פונם מערב אייראפעאישן יידנטום איז אפאלאגעטיש — דאס שעפערישע און פארשערישע איז פארמישט מיט א שפאר ביסל פראקטישע טראכטעניש. ביידע, די ליטעראטור זייערע און די יידיש־וויסנשאפט, זיינען סענטימענטאלע שטימונגען, סינטעטישע וואקלעניש, און אייגענער ארגינעלע פארעם, און פערזענלעכקייט. די איינצלנע אויסנאמען, וועלכע זיינען אפשר יא פאראן, זיינען נאר צו באשטעטיקן די דאזיקע רעגעלמעסיקייט.

II

מיט דער ליטעראטור פונם פאלק ווערט פעסטגעהאלטן זיין לעבן! שלום עליכם האט עס געטון מיטן שלל פון פאלקלאר, פרץ — מיט די תנועות און הועיות, און מענדעלע — מיטן געפאלדעוועטן תלמיד־חכם שטערן. און איז דען אונזער פאעזיע עפעס אנדערש ווי דעם ציטער פון א פארלוירענער שטימונג, פון אן אויסרעמפנדיקע אטמאספערע פעסטצוהאלטן, ראזענפעלדס, פרוגס, יהואש'ס א ליד איז דאך א צייטיקע פרוכט פון אונזער עץ־החיים געזאפטיקט מיט אונזער לעבן. און די פרישערע דורות, פון אונזערע שוין פארווארצלטע ליטעראטור, זיינען דאך נאר קלימאטישע דיפערענצירונגען; אנגעהויבן מיט אש און בערגלסאן, ביז מ. ל. הייליפערן און ברוך גלאזמאן, און אזוי אין דער אומענדלעכקייט פון אלע אונזערע שרייבער און דיכטער.

און די יידישע פלאסטיקער קונסט, די מאלעריי טוט עס דאך נאך אומיטעלבארערער!

און איז דאס יידישע טעאטער נישט א געוואלדיקע סטימול און שטארקונג פארן יידישן פאלקס־מענטש, נישט וויינ־יקער ווי אמאל די מתנגדישע קלייזלעך און חסידים־שטיבלעך; שוין נישט צו ריידן פון דער קולטור וויכטיקייט פון א מאסקווער קונסט־טעאטער און הבימה אין ארץ ישראל.

אזוי זיינען זיי אייפנעגאנגען, און זייער בליאונגס־צייט די אלע מזרח־



אייראפעאישע ישובים אונזערע מיט זייער אייגנארטיקייט: דער זאפטיק אוקריינישער, דער פארווארצלט בעסראבישער און דער פויליש־פשוטער ראמאנטיש צעפלאטערטער, און נאך מיט זייער צייטיקייט. יענע שוין אויף די גרעניצן פון מערב, דער ליטווישער, גאליציישער, מיט זייער מעטארישקייט און סענטימענטאלקייט. שוין איבערקלוג, טיילמאל ציניש אפילו. אבער וואונדערלעך אין זייער איבערצייטיקייט. און אצינד, אז דער טויט איז געגאנגען מיט דער קאסע און ווי נאך א שפעדיקע שניווע ליגן די קופעס חמרים־ווייזן —

אבער נישט ווי דער שטרוי וואס ווערט אויף דער זון פארברענט און נישט ווי די פלעווס וואס ווערן פון ווינט צעבלאזן איז דער ווייצן! צו זעטיקן און צושטארקן און צום ווייטערדיקן זריעה־פארזיי זיינע, די זאפטיקע און געצייטיקטע קערנער.

אונזער מאדערנע ליטעראטור און קונסט, אונזער יידיש וויסנשאפט און געשיכטע פארשונג איז קיום אלט א פאר צענדליק יאר, אבער ווי אנדערש זיינען זיי פון דעם אמאליקן משכילישן חכמת ישראל און מערב־אייראפעאישן יידנטום — — —

סעצירן און פרעפערירן, נישט רעקאנסטרואירן און קאנסערווירן, איז געווען די קונסט און די יידיש־וויסנשאפט פון די וועסט־אייראפעאישע יידן, אפילו פון אזעלכע גרויסע און גרעסטע ווי היינע און גרעץ. א זאמלאריום פון אויפגעשטאכענע און גוט סארטירטע סופטראפישע זומער־פייגעלעך, פון אויסגעשטאפטע וואונדערפייגל פון ווייטן אפריקע און אזיע איז פאר זיי געווען די שיינקייט און וואונדערליכקייט פון דעם יידישן עבר — נישט קיום, נישט שטארקונג, נישט פארייניגונג.

יונג איז די יידישע ליטעראטור, נאך קיין הונדערט יאר נישט, און די יידישע וויסנשאפט קיים א פאר צענדליק יארן, אבער ביידע צוזאמען זיינען זיי שוין דער מאן־און ווייב־זוימען, וואס זיבערט, דעם וואוקס און די צייטיקייט פון אונזער ווייטערן קיום. ווי איין איינציק ווייצן־קערנדל טראגט אין זיך די נזע פון זיין מין עד סוף כל הדורות, אזוי איז דאס גייסטיק געשאפענע פונם פאלק. עס מוז נאר גוט אפגעהיטן ווערן און גוט אפגעקליבן, אז דאס נעבליבענע פונם שניט זאל ראוי זיין פאר צוקונפטיקער וואוקס און שפע. און דאס איז שוין די עיקר ארבעט און די ספעציאליטעט פון דער וויסנשאפט.

III

וויפל נאציאנאל־קונסט און פאלקס־מוזעאומס, פאקולטעטן און פארשונג־אינסטיטוציעס האט יעדעס פאלק, און וויפל היימאט־פאריינען, בכדי צו באשיצן און צו פארשן יעדעס בלי זין און כלי תשמיש און יעדעס מינדעסטע בגד'ל. וויפל הונדערטער פראפעסארן, דאקטוירים און וויפל פראפעסיאנעלע דינער און דירעקטארן זיינען באשעפטיקט מיט סארטירן און באהיטן, יעדעס מינדסטע שטיקל מעבל — צו דערקענען דעם איינבונד פון א בוך פון וועלכן

יאָרהונדערט. אַ שנאָל פון אַ פּאָסיק, קאָן מען ווערן נישט נאָר אַ פּראָפעסאָר, נאָר באַרימטער ענטדעקער.

דער אינסטינקט פון אונזער פאָלק האָט עס געוואוסט, אַז אויב עס האָט נאָך נישט די אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען נייטיק פאַר זייערע געשאַפענע און נאָך שאַפנדיקע ווערטן און אוצרות מוז עס אַליין זיי באַשיצן, באַהיטן מיטן אייגענעם גוף: ווי דאָס ביסעלע האָב און גוטס וואָס דער אָרימאַן טראָגט עס אין זיין זעקל אויף די פּלייצעס.

מיט וואָסער היילוקייט האָט ס'פאָלק געטראָגן זיינע מלבושים! און די עקזאַקטקייט פון יעדן כלי תשמיש, נישט דוקא אין שול און בית המדרש, נאָר פונם בשמים־ביקסל אין יעדער שטוב ביז צו דער שעפּ מיט צוויי אויערן — זיכער האָט יעדעם פּיצעלע געהאַט זיין סעיף אינם „חיי אדם“, אָבער האָט דען דער מוזעאום דירעקטאָר נישט זיין פאַרגעשריבענעם פּאַראַגראַף — —

דער לעצטער רב אין אַ יידיש שטעטל איז דאָך נאָך געווען נישט נאָר אַ גייענדיקע שאַנק מיט ספרים. נאָר יעדעם פּיצעלע מלבוש אויף אים האָט דאָך דערציילט פון אַן עפּאָכע, האָט דאָך געאָטעמט מיט יידישער אַטמאָספערע. פון די שיך און זאָקן, שטיוול און לאַטש, — יעדער נאַטירלעכער קנייטש אין כאַלעווע איז געווען פּרעציז, אַ פּיצעלע גומי אין לאַטש איז שוין געווען טריף!—ביז שטריימל און קאָלפּאַק, און די כלערליי קאַפּטאַנעס, זשופּיצעס און כאַלאַטן פון סאַמעט און זייד און פלוש, און יעטווידעס אין זיין קאָליר און פאַר זיין באַשטימטן טאָג. און שעה פון טאָג — שוין נישט צו ריידן פון די כלערליי ריטועלע בגדים טליתים טלית־קטנס א.א.וו.

און דאָס איז אויך דער קאָלאָסאַלער אונטערשייד אין די באַציאונגען, צווישן דער משכילישער און דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור צום יידישן הלוך און יידישן אָנטון, צו דער יידישער טראַדיציע און סקאַרבאָווע מנהגים און נגונים — דער מערב־אייראָפּעאיש יהודימשער, אוועקגייענדיקער און אַלצדינג פון זיך אַראָפּוואַרפנדיקער, דער ככל הגוים'דיקער, דער ציניש־סאַטירישער נעגאַטיוו! העכסטנס קרענקלעך סענטימענטאַל־אַפּאָלאָגעטיש! און דער רעאַליסטיש־ראָמאַנטישער, פלאַסטיש געזונטער, פּאָזיטיווער צוגאַנג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און קונסט!

די ליבע צום ייד פונם מאָדערנעם יידישן קינסטלער און פּראָגרעסיוון ייד איז נישט יענע קאַלטע באַציאונג צו זיין „גלויבנס־ברודער“ און נישט נאָר די פלאַטאָנישע אהבת ישראל — ס'איז די לעבהאַפטיקייט, די קאָלעקטיווקייט פון יידישן שאַפן, ס'איז די חושימדיקע ליבע צו דער יידישער קונסט, ס'איז דאָס שותפותדיקע דערפון, דאָס וויסן פון שותפותדיקן געפאַר און גורל, —ס'איז דער קיום און די קולטור, די גייסטיקע אינטויציע פון נצחונות און די אומשטערבלעכע וויזיע לעולם ועד.

קוים הונדערט יאָר ציילט אונזער מאָדערנע ליטעראַטור און דער יידישער וויסנשאַפטליכער אינסטיטוט — אַ צוויי צענדליק יאָרן. יאָ, איידער



מ'האָט אויפגעהאָנגען, די טויט־שווערד איבער אונזער קאָפּ, די אויף ביידע זייטן געשליפענע חרב־המתהפכת, האָבן מיר געפונען די צוויי וועגן, די צוויי גן־עדן טייכן וואָס פירן־צו דערקוויקונג און פאַריינגערונג און פירן צו אומשטערבלעכקייט.

## IV

פאַר 25 יאָר צוריק, ווען צווישן דער „יידישער קאָלאָניע“, פון שרייבער, קינסטלער און געלערנטע אין בערלין און ווילנא־וואַרשע עס האָט זיך געטרעטן דער וועג פונם „ייוואָ“ און איך פלעג פון מיין „פישער־דאָרף“ קומען צולויפן אַ ווילד־ניוכנדיקער אָקס, געצווינגן ביים רינג אין נאָז. מיטן דאָרף אויף מיינע אויסגעקוליעטע נאַפּנדיקע אַפּלען און ריבאַק פלעגט ווייזן זיינע איינגעפאַלענע אַלטע מצבות און שולן, און מיין „און דאָס ביזטו גאָט“ האָט מיר נחום שטיף ממש פאַרמיאוסט מיט מיין שלעכט אויסגעליגטן „נויקעץ“, ווייל עס איז נאָר פונם העברעאישן „עקוץ“ נישט פון דייטשן „ניינע“ — איך בין געווען צו פאַרטומלט מיט די בילדער פון מיינע דערפער. (פריינט טשאַרני געדענקט איר נאָך, ווי אַ כלאָפּ וואָס ברענגט פרישן גרינס אויף שבועות אין יידישע שטיבער אַריין, האָב איך זיי, מיט זייער פרישן טוי נאָך אויף זיי געברענגט צו טראָגן.) אַז איך זאָל וויסן וואָס עס טוט זיך אין די קלאָרע מעטאָדישע קעפּ פון די וויסנשאַפטלער, די „ליטוואַקעס“ און פון די זיך געראַטעוועטע דעמאָלט פון חורבן אוקריינע.

אָבער אינסטינקטיוו האָב איך דעמאָלט מיטדערלעבט די פרייד — די באַוועגלעכקייט פון דר. טשעריקאָווער און פון לעשטשינסקין האָט מיטגעריסן!

און דרייצן יאָר שפּעטער, ווען ווילנע האָט געפייערט דעם בר־מצוה פונם „ייוואָ“ האָבן מיר צוויי, מייטלים און איך אין נאַצי־דייטשלאַנד מיטגעפייערט. ווי נאָנטע קרובים פאַרוואָרפענע מעבר לים. וואָס ס'איז זיי אוממעגלעך געווען צו זיין אויף דער גרויסער משפּחה־שמחה.

איצט האַלט מען שוין 1946, נאָך דעם גרויסן בלוטיקן מבול, וואָס איז איבער אונז געקומען, ווען מ'מוז שוין שרייבן דעסערטאַציעס, נישט נאָר איבער „שמואל בוך“. די לעצטע 10 יאָר זיינען פאַרשיט געוואָרן מיט שיכטן און פלאַסטן פון חמרים פון אונזערע טונטע. ווי די געשיכטע פון 10 הונדערט יאָר. און אין לאָנדאָן, אַז מ'וויל אַ יידישלעך קאַפּל ניין זוכן וועט מען עס שוין ניכער געפינען אין פּרצעס „דריי מתנות“. איידער אויף אַ רב'ס אַ קאָפּ. און ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס רעוואָרענדישע קאַפּעלע דאָ וועט זיך נאָך האַלטן אויפן שפּיץ קאָפּ — ווילאַנג די אַפּיל־בילאַנסן וועלן נאָך באַלאַנסירן!...

יאָ. איך מיין עס נישט אין אַ הלצה. ביי די אַנדערע פעלקער וואָלטן שוין געווען קאָלעקציע זאַמלונגען פון קאַפּלעך גוט סאָרטירט מין צו מין און וואָלטן שוין דערגרייכט אין די הונדערטער. סאַמעטענע, זיידענע, קיילעכדיקע,

רונדיקע מיט קנעפלעך אין דערמיט, מיט קנעפלעך אין דער זייט, זילבערנע, מיט גאלדענע שפאניעס א.א.וו. און דאס איז מיט יעדן אינטעגזיל, מיט יעדן רעקוויזיט און וואסער פארשעריישער ווערט דאס קאן ווערן פאר א פאלק איז גארנישט אפצושאצן.

פון א באשטימטער קאפל, לויט דער גרויס, לויטן געשטריק און פארב קאן מען רעקאנסטרואירן א גאנצע רבי'שע דינאסטיע, א גאנצע געגענד פון באשטימטע יידישע בעלי מלאכות, א רעפארמישע באוועגונג פון א באשטימטער בירגערלעכער קלאס און קולטור־ניוואָ, ביז צו די ענגלישע פאפירענע קאפלעך, פון וועלכע מ'קען שוין באלד גארנישט דערקענען...

אין אונזערע טעג, פון חורבן און צעשטערונג, איז אפילו נאך פיל וויכטיקער דער וועג פון זאמלען און נישטערן, דער וועג פון יידיש־פארשער און קאנסטרוקטיוון געלערנטן ווי דער וועג פון דעם שעפערישן ליטעראַרישן.

נישט נאר די שטימונג פון אונזערע טעג, דעם טרויער און דעם צער, די אינטואיציע און וויזיע פון דער אומענדליכער נסיסה־רגע מוזן מיר מיטראַטעווען מיט אונז, מיר מוזן פון אונטער די חורבות ארויסגראָבן, וואָס ס'איז נאר מעגלעך — שיכט אויף שיכט, פלאסט אויף פלאסט ליגן נאקעט אונזערע מתים־חמרים, פלאסט אויף פלאסט איז אויסגעשפרייט דער אַש פון זייערע פנרים, אפילו די תכריכים אונזערע מוז מען פון אונטער־זיי אפויער ארויסגראָבן, פון אונטער זייערע הייליקע קברים.

און מיר מוזן עס טון, אויב מיר ווילן נישט צוזאם מיט די חורבות, צוזאם צווישן די לעבעדיקע באגראבענע מתים מיט באגראבן ווערן, — און אפילו ווען מיר ווילן עס אין אונזער פערצווייפלונג און יאוש, — זיינען מיר עס שולדיק אונזער עבר; זיינען מיר עס שולדיק די וויזיע פון אונזערע נביאים, דעם שאפן אונזערן פון 4000 יאר, דעם נצחיות פון אונזער פאלק, וואס איז אויסגעטראָגן געוואָרן מיט יעדן פעלטל פון אונזערע תלמיד־חכם־שטערנס, מיט יעדער תנועה, מיט יעדן אויסגעאָטעמטן וואָרט.

און מיט דער אויפגעציטערטער קדושה פון אונזערע קדושים און מיטן מארטירערטום פון אונזערע העלדן.

## צום שלום טאג דעם 8-טן יוני

דרוקן מיר די שלום לידער פון ה. בלאשטיין, דעם „נצחון עשאלאן“ פון י. ראפאפארט, און אויף זייט 47 — יאשע זעלדין (פון דער סעריע „שרייבער שלאבטלייט“), פון י. דאברושין, — פון די מאנוסקריפטן צוגעשיקט פון מאסקווע.

פרץ זילבערבערגס „נעכטן היינט און מארגן“ איז אויך אפגעדרוקט צו דער פייערליכקייט פונם טאג.



ה. בלאשטיין

## שלום

1

זאל זיין געבענטשט די וואונדערלעכע שעה,
ווען ס'האט אויפן לעצטן שלאכטפעלד פון דער ערד
אין שייד איין זיך אומגעקערט די שווערד.

און ס'האט א מענטש, אין זעלנער קליידער גרא,
א שרייב געטאן אהיים, פון קרינגרויש נית געשטערט:
„מיין ווייב, מיין קינד, מיין מאמע! איך בין דא

און כ'וועל שוין זיין!“ — און ס'האט געטאן א שיין
די זון אויף זיין פארבראָנדזעטן געזיכט
מיט יענעם אורערשטן און מוטערלעכן ליכט,

וואס האט דעם מענטש געבענטשט אויף לעבן און אויף זיין,
ווען ער איז, ווי א וואונדער אומגעריכט,
פון מאלפא־וואלד — אין אייביקייט ארייין!...

2

ליינט דער מענטש אוועק די שווערד,
טוט ער אוים דעם כאקי־פרענטש, —
הערט ער שוין צוריק, דער מענטש,
ווי עס זינגט די גרינע ערד.

זעט ער שוין צוריק, ווי ס'לאכט
אויף דער מוטערס הענט א קינד —
און מיט אייביקייט זיך בינדט
יעדער טאג און יעדע נאכט...

זעט ער ווי דער לעבן־שטראם
האט א זאפטיק יונגע הויט.
קרינגן ווידער ליד און ברויט
זייער אלטן זיסן טעם.

טראגט ער הויך און שטאלץ זיין קאפ
און עס האט זיין פרייד קיין מאס,
ווי א מענטש, וואס איז נארוואס
פונעם קראנקן-בעט אראפ.

גיי איך אום אצינד און בענטש
יעדע רגע פון דער וועלט
און דעם מענטש, וואס ס'האט אין פעלד
אפגעראטעוועט דעם מענטש.

## צום מלחמה אינוואליד

מלחמה־אינוואליד מיט פוס פון האלץ,
צי מיט א פוסט זיך באמבלענדיקן ארבל, —
איך לייג צו דיינע פיס מיין דיכטערישן שטאלץ
און גאר מיין ליד מיט אלע אירע פארבן!

ווייל, ווי די וועלט, איז גרויס צו דיר מיין כוח,
און יעדעסווארט איז רעקן אים צו ארעם,
ווייל אויב מיין האנט איז גאנץ און ס'איז מיין פוס אין לויף —
האסטו פאר דעם באצאלט מיט אפגעהאקטן ארעם!

און אינעם שיין פון טאג, וואס איך געניס,
איז דיין פארלאשן אויג, דיין צוגעדעקטער הימל,
און אויב עס קוועלט מיין הארץ, ווען ס'קינד מיינס שמייכלט זיס,
איז יעדער קלאפ פון הארץ — צו דיר א הימן.

און אז איך בלייב בנאכט אמאל אליין,
און ס'ווערט דאס בעט מיר הארט, און כ'קען ניט שלאפן,
דערהער איך טיף אין זיך אזא פארשטיקטן געוויין,
און כ'ווער דיין וואונד און בלוטיק הייס און אפן...

און כ'הער, ווי ס'קלאפט אויף גאסן א פראטעז,
און כ'לויף אים נאך מיט א פארקראמפטן ווייז־מויל —
און שטערן פינקלען אויס א בלוטיקן פראטעסט:
פארוואס מע קען דעם פיינט נישט טויטן צוויי מאל!



י. ראפאפארט

## דער נצחון עשאלאן

דער עשאלאן מיט רעמאביליזירטע איז ארויס פון בערלין. פאמערן־פויזן־וויסרוסלאנד־מאסקווע — אזא איז דער מארשרוט.

אין די וואגאנעס איז פריילעך. די שלאכטלייט האבן זייער פליכט אויסגעפילט. זיי האבן פארזוכט דעם טעם פון נצחון, דעם טעם פון נקמה. איצט איז מען איינגאנצן באהערשט פונעם פארגעפיל וועגן דער נאענטער באגעגעניש מיטן היימלאנד, מיט דער משפחה, מיט פריינט און חברים.

פארביי די וואגאן־פענצטער שפרייט זיך די דייטשישע ערד — א צעטראטענע דורך שלאכטן. די „אויבער מענטשן" מיט אראפגעלאזטע קעפ. יוסף קרימער, דער עלטערער לייטענאנט, האט באצאלט פאר זיינע דערהרגעטע צוויי ברידער, פאר זיין דערמארדעטער שוועסטער. פון זכרון גייט ניט ארויס דער ברודער שמעון, וואס האט געוואלט ראטעווען דאס קאלווירטישע פארמעגן און האט אליין שוין ניט באוויזן זיך צו ראטעווען. מיט אים צוזאמען איז אומגעקומען מענדל און די שוועסטער.

יוסף האט דעמלט געלעבט אין וויטעבסק, געארבעט אויף דער אייזנבאן. פרייוויליק איז ער אוועק אין דער רויטער ארמיי פארטיידיקן דאס היימלאנד, נקמה נעמען פאר די רציחות איבער זיין פאלק. אין דער ארמיי זיינען אויך אוועק בנימין און ניסן. זיין משפחה — ווייב און קינדער — האט ער עוואקואירט קיין מזרח.

וועגן בנימינען ווייסט ער: געווען שווער פארוואונדעט, באקומען צוויי ארדענונגמעדאלן און איז ארויס פון דער מלחמה אלס אינוואליד. וואס איז אבער מיטן יינגסטן ברודער, מיט ניסנען? ניט צווישן די טויטע ניט צווישן די לעבעדיקע...

א חבר האט א רוף געטאן יוספן. ער האט זיך אומגעקוקט און דערשפירנדיק אויף זיך א פאר פארשגדיקע אויגן פון א מילטוואוקסיקן מאיאר באהאנגען מיט ארדערס און מעדאלן.

— זייט איר ניט פון די קרימערס? — האט דער מאיאר גוטמוטיק א זאג געטאן און אים אויסגעשטרעקט די האנט. — איך הייס פעטראוו. זאגט נאר — צי האט איר ניט א יינגערן ברודער א טאנקיסט אין דער ארמיי?

— יא. — האט יוסף זיך דערפרייט. — איר ווייסט עפעס וועגן אים?

דער מאיאר האט זיך צוגעזעצט, ארויסגענומען פון זיין פעלד־טאש א פארטרעט און געלאסן געזאגט:

— אויב דאס איז ער, קען איך אייך וועגן אים עפעס דערציילן.

— ניסן, ניסל! — איז יוסף ווי צעגעזאסן געווארן צו דער פאטא. — א קליין יינגל איז ער נאך דעמלט געווען. אז איך האב אים דאס לעצטע מאל געזען, איז ער אלט געווען 16 יאר. ער איז אויפגעוואקסן קיין ארדזשאניקידזעגראד. אנגעקומען אויפן לאקאמאטיוו־ראן וואגאנדבוי זאוואר „פרא־

פינטערן" און דאַרט אָפּגעאַרבעט 6 יאָר. אָנגעהויבן אַלס לערניינגל, איז ער געוואָרן אַ מאָנטיאָר, דערנאָך אַמייסטער.

— ווייטער וועל איך אייך דערציילן, — האָט זיך אָפּגערופן דער מאַיאָר פּעטראָוו, — איך האָב צוזאַמען מיט אייער ברודער דורכגעמאַכט דעם גאַנצן מלחמה־וועג. אויפן פערטן טאָג פון דער מלחמה איז דער טאַנקן־טייל, וואו דער ברודער אייערער האָט געדינט, אַוועק באַגעגענען דעם דייטש. ניסן איז געווען אַ פירער־מעכאַניקער פון אַ טאַנק, ער האָט זיך געשלאָגן נעבן אייער היים־שטעטל. אַ גוטער פירער, אַ דרייסטער אַלע האָבן אים ליב געהאַט.

דערנאָך האָבן מיר צוזאַמען זיך געשלאָגן בא נאַראָ־פאָמינסק, אָנטייל גענומען אין די שלאַכטן פאַר מאָסקווע, שפּעטער — אויפן קאַלינינער פראָנט, וואו אייער ברודער איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון אַ וואַך פאַר רעמאָנטירן טאַנקען. אין איינער אַ נאַכט האָט ער באַקומען אַן אויפגאַבע — צוזאַמען מיט נאָך דריי חברים אָפּרעמאָנטירן אַ טאַנק, וואָס איז געשטאַנען 30 מעטער פון דער דייטשישער פּאָזיציע, שטיל און אומבאַמערקט האָט ער מיט זיינע חברים צוגעפּויזעט צום טאַנק און זיך גענומען צו דער אַרבעט. אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט דער רעמאָנט. אינדערפרי האָבן די דייטשן געעפנט אַ פייער איבערן טאַנק. נאָר ניסן האָט זיך ניט פאַרלאָרן. אויף דער שיסעריי האָט ער געענטפערט מיט אַ שיסעריי און זיך אומגעקערט מיטן טאַנק אין זיין טייל.

בא אַ צווייטער רעמאָנט־אָפּעראַציע איז ער שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָך דריי אַ האַלב חדשים שפּיטאָל קערט ער זיך אום צוריק אין טייל. ער ווערט צוערשט דערהויבן צום ראַנג לייטענאַנט, דערנאָך עלטערער לייטענאַנט. ער פירט אָן מיטן רעמאָנטירן די עלעקטראָ־אויסשטאַטונג פון טאַנקען אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

עס הייבט זיך אָן אונדזער אָנגריף. מיר יאָגן דעם דייטש. מיר מאַרשירן דורך מיט שלאַכטן גאַנץ פּוילן, מיר קומען קיין מזרח־פּרייסן, מיר נעמען אָנטייל אין די שלאַכטן פאַר קעניגסבערג און פאַרט פּישהאַוזען.

איינמאָל איז אונדזער שטאַב אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן. אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון פיר אָפיצערן און אַ פּאָר צענדליק רויט־אַרמייער. פאַרמאָגט האָבן מיר פיר טאַנקען. האָבן מיר זיך אין זיי אַריינגעזעצט און אין משך פון אַ מעת־לעת זיך אָפּגעשלאָגן פון די דייטשן. ניסן האָט זיך געשלאָגן העראָאיש, אַרבעטנדיק גלייכצייטיק מיט אַן אויטאָמאַט און מיט אַ קוילנוואַרפער.

פאַר זיין דרייסטקייט און העלדישקייט איז אייער ברודער באַלוינט געוואָרן מיט צוויי אָרדנס פונעם רויטן שטערן, מיט אַן אָרדן פון דער פאַטערלענדישער מלחמה און מיט 4 מעדאַלן: „פאַר שלאַכט פאַרדינסטן", „פאַר באַשיצן מאָסקווע", „פאַר איינעמען קעניגסבערג", „פאַרן נצחון איבער דייטשלאַנד".



איצט איז אייער ברודער אין מאָסקווע. — ער האָט באַקומען אורלויב. איר וועט אים זען.

ווי נאָר דער עשאַלאָן איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע, האָט יוסף זיך גלייך אַוועקגעלאָזט צו דער שוועסטער. דאָ האָט ער געטראָפן זיינע צוויי ברידער שלאַכטלייט, וואָס האָבן אַזוי ווי ער, אַ חלק אין נצחון.

יוסף האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— געווען זיינען מיר זאַלבעזיבעט און איצט זיינען מיר זאַלבעפערט, מיר האָבן געזיגט.

## פּרץ זילבערבערג

## נעכטן היינט מאָרגן!

1

מיט שווערע, בלייערנע וואָלקנס, הייבט אָן צו פאַרגיין דער אין זונענשיין פאַרטונקלטער הימל, ווי אַ שרעקלעך בייזער, צוליב דעם שטערן אים אין זיין גנאַה, הייבט דער הימל אָן צו וואַרפן פייערדיקע בליצן, און מוראדיקע דונערן צעשאַלן זיך אין אַרום. ווי מוסרנדיק די בייזע כוחות פאַר זייער חוצפּה צו שטערן די רו און פרידן פון איר שיינער, פּראַכטפולער בעסער ברענענדיק ליכט. עס ברילן די באַהאַלטענע קרעפטן אין אוניווערסום, ווי פאַרזיספילנדיק, דעם אָנקומענדן שטורעם, און זייער ברומען איז ווי אַ מעכטיקער פּראָטעסט געשריי, קעגן דער פינסטערער מאַכט פון צעשטערונג און אומקום. די גאַנצע נאַטור, מיט איר קינסטלעכן געבוי פון לעבן און פּראַכט, שרייט אויס, הויך איר פאַרוואונדערונג און מורא פאַר דעם אומבאַקאַנטן וואָס דאַרף קומען, און וועמענס כוח עס וועט זיך שוין אין אַלע זייטן, שפּריין מיט גיכע שנעלע טריט, צו באַהערשן דעם הימל, צו פאַרטיליקן די לעבנספרייד. צו באַצווינגען אַלעס וואָס איז שיין און גוט. אַ מעכטיקער געראַנגל גייט אָן אין דער נאַטור, דאָס ראַנגלען זיך נאָך די לעצטע זונען שטראַלן מיט די בלייענע, שרעק אָנוואַרפנדיקע וואָלקנס. אַזוי ווי פאַרזיספילנדיק, אַז זיי זענען די לעצטע מויער פאַר אומענדלעכע פאַרניכטונג און פינסטערניש. ווי נישט וועז געלונגט עס נאָך אַ שטראַל זיך דורכצוברעכן דורך דעם פענצער פון פעך און בליי מיט וועלכן דער הימל איז שוין באַדעקט. אָבער עס זעט זיך שוין אָן, אַז דער קאַמף איז נישט קיין גלייכער, אַז די פינסטערע מאַכט

---

געשריבן אין דער לאָדזשער געטאָ. יעצט פאַרפאַלקאָמט. געווידמעט מיין חבר יאַסעק, וועלכער איז אומגעקומען אין גאַז־קאַמער, און וועלכער האָט מיט מיר צוזאַמען געשפּינט די חלומות.

באַהערשט שוין דעם אַרום, אַז אַ מבול קומט אָן. און אַ שרעקלעכער שווידער באַהערשט יעדעס לעבנדיקע וועזן, עס זעט זיך שוין בולט די פאַרניכטונג. עס טוליען זיך צוזאַמען אַלע באַשעפענישן, און אין שרעקלעכער ערוואַכונג זענען זיי פאַרשטאַרט און מיט טויט שרעק אין די בליקן נעמען זיי אויף זייער גורל, ווייל זעט אויס אַז די קרעפטן, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן צו באַהערשן מיט געוואַלט די וועלט, זענען שטאַרקער. ווי די ליבע צו די זון און איר פּראַכט. ווייל דאָס האָבן זיך צעשפּילט די באַהאַלטענע כחות פון פינסטערן אַנטאַגאָניזם און האַס. און מיטאַמאָל רייסט זיך אַ שרעקלעכער בליץ אַ דורך דורך דעם הימל, דאָס האָט דער הימל ענדלעך אויפגעגעבן איר קאַמף, און מיט איר לעצטן כח צעבליט דעם אַרום, ווי אַניאַגנדיק דעם אָנהייב פון מעכטיקן שטורעם, און אַ ענטפער דערויף איז געווען אַ מוראַדיקער דונער, דאָס האָט די שוואַרצע מאַכט אָנגעהויבן איר הערשן. דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן.

2

איינער נאָך דעם צווייטן, קראַכן די מוראַדיקע דונערן. זייער מוראַדיקער קלאַנג, איז ווי טרויער גלעקערס געזאַנג. אַ שווערע פינסטערניש, אַ דיקע, נישט דורכזעבאַרע צעשפּרייט זיך אומעטום, אין די ווייטסטע ווינקלען פון דער ערד, איז אַלעס פאַרשטאַרט אין ציטער און מורא. און עס האַלטן אין איין בושעווען, און שטורעמען און בושען אַלע פינסטערע כחות. זיי קומען אָן פון איבעראַל, און ווי פאַרשיכורט פון זייער שנעלן באַהערשן דעם אַרום, וואַרפן זיי זיך, מיט רציחה אויף אַלעס וואָס האָט נאָך אַ שפור פון לעבן. עס יאָגן זיך ווינטן דורך אַלע עקן פון אַרום. זיי טאַנצן אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון דער טייוולאַנישער מוזיק, זייער שדים־טאַנץ. אַ שרעק און מורא באַהערשט אַלץ וואָס לעבט. פריי און אונגעשטערט הוליעט זיך דער טויט אין די אומענדלעכקייטן פון דעם אַרום. עס אַקאָמפּאַנירן אים די ביז יעצט באַהאַלטענע כחות אין יעדן טייל באַזונדער, פון דעם אוניווערסום. און צוואַמען מיט געמיינזאַמע, פאַרשטאַרקטע. מאַרשירט דער אומקום מיט פעסטע טריט, און וואו ער קומט דאָרט לאָזט ער איבער טויט, פאַרניכטונג און פּיין. יעדעס לעבנדיקע וועזן איז פאַרהילט אין טויט־געשפּענסט. ס'רוב נעמט יעדער אויף זיין גורל גלייכגילטיק און אַפּאַטיש קיינער גלייבט נישט, אַז די זון וועט נאָך ווען זיך אַ דורכרייסן דורך דעם שלייער פון פינסטערניש. גאַנצע שטחים ערד, ווערן דורך די בייזע כחות אַפּגעמעקט. אָבער דאָך, האָבן זיך געפונען דרייסטע, וועלכע האָבן מיט די לעצטע כחות, וואָס זענען געווען אַ גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט יענע מעכטיקע קרעפטן, אַרויסגערופן דעם טויט און פאַרמאָסטן זיך מיט אים אין נישט גלייכן קאַמף. זיי האָבן געוואָלט אין זייערע לעצטע טענער, ווי אַרויסשרייען דעם פּראָטעסט קעגן די פינסטערניש און אומקום אין די שרעקלעכע פאָרם. אויך זייער מי איז געווען צו



שוואַך, צו קענען באַזיגן דעם מעכטיקן כח. און זיי זענען איבערגעוועלטיקט געוואָרן פון ווילדן אומקום. און ווי דורך עפּעס אַ וואונדער, האָט שוין באַלד ביי די לעצטע כחות, פון די דרייסטע, זיך אַרויסגעריסן אַ שטראַל דורכן בלייענעם הימל און באַלויכטן די לעצטע סצענע. און דער שיין, האָט ווי געפּליסטערט: אַ, איר העלדן צווישן העלדן, מיינט נישט אַז די זון איז שוין מער נישטאָ! איך בין דער אָנזאָגער פון מאָרגן. דערווייל נאָך שוואַך, אָבער איך גיי צוריק אין די הימלען, און נעם מיט, מיט זיך דעם אָפּגלאַנץ פון אייער טאַט. איר זייט די בעסטע פאַרבינדעטע פון טאָג און אויב איר וועט יעצט נישט געווינען, וועט געווינען אייער ביישפּיל פון מוט. און ווען ס'וועט ווידער אויפשיינען די זון, וועט איר דאַן מיט העלע שטראַלן לייכטן, אַלץ ביישפּיל פאַר אַלע צייטן. און צוריק איז אַוועק די שטראַל, צו אירע ליכטיקע וועלטן. און די לעצטע האָבן, אַרויסגעפּילט דעם אינהאַלט פון איר פינקלען, און שוין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, אַוועק כדי צו שטעלן דעם לעצטן ווידערשטאַנד, און געמיינזאַם מיט זייערע ברידער צו שטאַרקן מיט דעם העלדישן. מאַרטירער טויט. און ווידער איז פאַרזונקען, געוואָרן די וועלט אין טרויער און פינסטערניש. די בייזע ווינטן רייסן אַלץ, וואָס עס לעבט נאָך. דער טויט גייט מיט שנעלע טריט און באַהערשט אַלץ מער שטחים נאָך שטחים. עס זעט שוין אויס, אַז אַלעס מוז אומקומען. די נאַטור ווי באַוויינענדיק איר אומקום פון אַלעם שיינעם, בליט מער נישט, מיט איר דופט און גלאַנץ. אַ בית עולם שטעלט מיט זיך פאָר, דאָס גאַנצע לעבן. אָבער ווי דורך עפּעס אַ אויסטערלישע קראַפט, וועלכע שעפּט אירע קוואַלן, פון העלע, ליכטיקע רוימען, האָט דער בלינדער פאַנצער אָנגעהויבן ביסלעכווייז שיטערער צו ווערן. און אָנהייב אונבאַמערקט, אָבער וואָס אַמאָל מער און מער. און אַלעם וואָס עס האָט נאָך געלעבט, האָט אָנגעהויבן פילן דעם אָנגייענדן מאָרגן. פון ווייטן זעען זיך שוין, דינינטשקע שטראַלעכלעך פון דער אויפגייענדער זון. ווי שניידן וואָס אַמאָל מער אַדורך די לופט, זיי פאַרמאָגן שוין מער קראַפט. און עס פילט זיך אין די לופט, אַז אַ העלער טאָג, דערוואַכט. די שווערע, בלייערנע וואָלקנס, הייבן אָן צו צעגיין זיך, און וואָס אַמאָל שנעלער. שוין זעט מען פון מזרח אַ רויטע, פּראַכטפולע זון אויפגיין. אַלעס לעבעדיקע האָט אין אַ מעכטיקן געשריי פון התלהבות און גליק, באַגריסט דעם זונען שיין און פון יעדן ווינקעלע באַזונדערס הערט זיך אַ תפילה פון גליק און דאַנקבאַרקייט, פאַר די געבענטשטע שטראַלן פון די ליכט, וועלכע, האָבן זיך דאָך אַדורכגעריסן דורך דעם שוואַרצן פאַנצער. און די זון ענטפערט מיט פריידיקע שטראַלן, וואָס וואַרעמען וואָס אַמאָל מער די ביז יעצט פאַרציטערטע גלידער. דאָס גאַנצע לעבן געלייטערט און באַהויכטן פון גנאָד, גייט אין אַ קאַראַהאָד, צום לויב דעם נייעם מאָרגן. די זון שיינט שוין כמעט איבערן גאַנצן הימל בלויז פון דערווייטנס זעען זיך נאָך איבערבלייבענישן פון די שוואַרצע כחות. אָבער די זון וועט אויך זיי פאַריאָגן, ווייל זיי האָבן שוין נישט מער

קיין לעבנס כוח. די זון ווערט די הערשערין איבער אלע וועלטן. א נייַ לעבן האָט ערוואַכט.

3

אין אלע ווינקלען פון אוניווערסום, שיינט דער פרידן מיט ליכטיקע שטראַלן פון לעבנס־כוח. ער גיסט אין אַלעם אריין דעם מוט, צום בויען און שאַפן נייע ווערטן, נייע אוצרות. די גאַנצע נאַטור, צעבליִט זיך אין פראַכט־פולער שיינקייט, א שטראָם פון פרעכטיקע ריחות, פאַרשיכורן מיט זייער דופט די אין גליק לעבעדיקע וועלט. די טייבלעך, טאָלן, בערג און הימלען, זינגען ווי אין טאַקט, די מעלאָדיע פון געלייטערטן גליק, עס שעפּטשן שטיל, אָבער געפּילפּול די גרינע גרעזעלעך, אַלעס באַהעפט זיך אין איין לויב — געזאַנג, פאַר די הערלעכע זון. עס זעט זיך אויס, ווי אַלעס וואָס לעבט וואָלט גע־פילט, און אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון פרידן, פון נייעם לעבן. אלע לעבעדיקע פאַרבריִדערט זיך, אין געמיינזאַמען דאַנק, פאַר אַלעם גוטן, וועלכעס האָט באַ־הערשט די שיינע, גרויסע וועלט. א אמתע ברידערשאַפט איז דאָ. מענטשן מיט מענטשן לעבן אין שלום. קיין ראַסן אונטערשיידן עקזיסטירט נישט מער. האַס און שנאה איז בלויז א באַגריף פון דער פאַרגאַנגענהייט. יעדעס פאָלק לעבט זיך אויס קולטורעל אין זיינע פאָרמען. אלע פאַרברידערט דאָס געפיל פון ליבע און פרידן. גרענעצן זענען פאַרשוואונדן, עקספּאַנסיעס זענען מער נישט פאַראַן אין דער געזעלשאַפט. אלע זענען קינדער פון דער נאַטור, און אַלעס לעבט זיך אויס אין מענטשלעכע פאָרמען. אין יעדן באַשעפעניש דער־וועקט זיך א טיפע ליבע צו די רייזנדיקע נאַטור, צו דעם שטילן שעפּטשן פון סודותדיקן וואַסער. צום פרעכטיקן געריוויש פון אַלטע וועלדער, צו דעם שוויִשטשן פון פייגעלעך, אויך צום אומעטיקן וויינען פון די שעפעלעך אין די פעלדער. לייבן און וועלף, זעט מען זיך פאַשן צוזאַמען מיט ציגן און שאָף. אַלעס אָטעמט מיט ליבע, פרייהייט און גליק. אין די אומענדלעכע הויכן, שפּיגלען זיך בלויע הימלען מיט וואונדערבאַרע פאַרבן, צעגיסט זיך די זון. נייע וועלטן צו דערקענען, ווערט דער פאַרלאַנג. און איבער אלע הויכן, ווייט און ברייט צעשפּרייט זיך דער פון די זון באַלויכטענער מאָנומענט פון די וועלכע האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם גליק, וועלכעס, אלע האָבן היינט. מיט יראת־הכבוד קוקט יעדער אויף דעם הייליקן אָרט, פון וועלכן עס לייכטן בלאַנקנדיקע שטראַלן, וועלכע דערציילן וועגן די הייליקסטע פון אלע צייטן, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען, כדי די אמתע זון, זאָל אויפ־שיינען פאַר אלע צייטן. און ווי וועלן טאַקע לייכטן אויף שטענדיק די זון און טאַכטער פון אומדערשראָקענעם גייסט, וועלכע האָבן מיט זייערע לעבנס, געבויט דעם שווערן וועג פאַר פרייהייט! און די אַרומיקע ווייסן ווי אַזוי זיי אָפּצושאַצן. אַלץ אַרבעט און שאַפט, ווייטער דאָס ווערק, וואָס זיי האָבן אָנגע־הויבן שאַפן. עס לעבט און עס שאַפט, עס בויט און עס אַרבעט דאָס ווערק, פאַר שטענדיק, פון אמתער ריינער חברשאַפט!!!





בשעת תפילה — כ. סאקאל

**א. נ. שטענצל**

## דער אייזערנער קאם פון רבי עקיבא

(א ל"ג־בעומר באלאדע)

און ווען אנגעהויבן מ'האט צו קעמען
זיינע גלידער מיטן אייזערנעם קאם,
האט ער דעמלט זיינע אויגן פארגלייזט,
פארן שערן א געצוואגענער לאם,
און דאס בלוט־געפליין פון זיין הויט און געביין,
קוואלנדיקער מים־חיים פון א שטיין.

וואס עפעס א קאם גאר איבער דער הויט,
האט נישט אלצדינג פון גאט א באדייט?
יא, זיין גאנצ לעבן אויף קדוש השם
זיין גוף האט געווארט און געווען איז גרייט,
אבער ווי פון א פסוק חומש דעם טייטש,
פארשטיין ער וויל אויך איבער זיין לייב גאטס ביימש.

א שטיק פארמעט אזא א געגארבעטער,
אפגעשונדן פון א כשרן לאם,
און מיט אותיות, מיט געהייליקטע,
א באשריבענער פון א סופר סת"ם,
איז דאך א צעפאסמעוועטער מענטשן גוף,
א צעשריגענער צו גאט מיט לעצטן רוף — — —

נישט די תלמידים זיינע ארום זיך
ער זעט מער, נישט ער הערט זייער געקלאג —
מיט אפגעשוידענע צעקעמטע האר,
צאפלט פלינק אויף א צינגל פון א וואג,
מיט יעדן רים פונם קאם איבער זיין לייב,
און די וואג־שאל אין האנט האלט טרוריק א ווייב.

ער דערקענט זי, זיין פרוי, זיין געטרייע,
אירע אייגענע האר ווענט זי דאס אפ;
ביז צו גאט ער זאל דערגרייכן קענען,
אין א תהום־אפגרונד זי נידערט אראפ,
ווי אירע לאקן אזוי טאפנדיק שווארץ,
דאס צינגל פון דער וואג צעצאפלט זיין הארץ:



א „שערן כעדר העזים" — —
פון „אלע לידער דאס העכלעבסטע ליד,
זי דערזענדיק, איך האב פארשטאנען,
און איצט איך פארשטיי דעם קוצו של יוד,
פון יעדן אות געשריבן איבער מיין לייב — —
האב איך נישט משיג געווען דורך דיר, מיין ווייב,

דעם „עזה כמות האהבה" — —
טרערן פארגיסן זיין פארגלייזטן בליק,
און צו זיינע תלמידים ארום זיך,
מיט קלארע אויגן קומט ער צוריק,
פון אן אנדערער וועלט קומט ער, נישט פון דער,
און ווי ער מיט רייד, ויינען זיי פיל געהער:

„ווייל כ'האב זי פארלאזן מיין געטרייע,
דערפאר ווי אירע לאקן צום פערקייף — — —"
מער קיין ווארט האט מען פון אים נישט געהערט,
נאר אן אחר אויסגעשריי באלד דערויף — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
א, אז „שמע ישראל" און „על בן יעזב" גראד,
לאזןביידע זיך אויס מיטן זעלבן אחד.

## לא תרצח!

נישט אויף שטיין געקריצט
און מיט אן אייזערנעם רלאט,
און ווען אפילו,
מיט דיין פייערדיקן ווארט, גאט — — —

שטארקער פון געבאט,
פעסטער פון הארטסטן גראניט,
ווען מיט רציחה
דער מענטשליבער מוח זיך צעגליט.

דאס שטילסטע געמיט,
ווילדער וועלפישער געהויל;
ליטערקייט פון הארץ,
בליטיק צעכלינעטער גרויל —

מיט רויכן געקנויל,
פון פארקנוילטע מאַן און ווייב,
פון דערשטיקטן קינד,
צוגעדריקט צו מאַמעס לייב,

דעם לא תרצח שרייב!
דיינע הימלען אינדערהויך
יריעות צעשפרייט,
פאַר דעם קנוילדיקן רויך!

און ווען דאָס וואָרט אויך,
עס וועט קיינער נישט פארשטיין,
א שוואַרצער פלעק, נאָט,
זאָל דיין הימל דעמאָלט זיין — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
נישט געקריץ אויף שטיין,
נישט מיט אַן אייזערנעם דלאָט —
מיט ציינער געקריץ
דערשטיקט מיטן אין אחר...

## טאַפּאָלעס

(המשך פון דער סעריע בוימער־סאָנעטן לכבוד לג־בעומר)

א וואונדער אַז דער הימל איז אַזוי בלוי, —
א שטויבעלע אויף אים זיין באַטש זאָל עס! —
אַז גאַנצע נעכט די לאַנגע טאַפּאָלעס
קערן פון הימל יעדעס וואָלקנדל גרוי...

אויסגעצערט, אויסגעצויגן צו שטיין אַזוי,
לאַנגע בעזעמס פעסט אין די מאַזאָלעס;
נישט צו פארשטויבן נאַכטס שוואַרצע פּאָלעס,
שפּרינקלען זיי נאָך אויס צוערשט דעם פרילינג־טוי.

שטייען זיי פארקאָרזשעטע גאַנצע טעג,
מיט ענמפער געשעפּטשע און מיט געפּרעג,
און ווערן פון טאָג צו טאָג מאָגער און דין;

רק כסדר דעם בעזעם נאָר אין דער האַנט!
און אַז ריין ס'ווערט דער הימל פון ראַנד צו ראַנד,
איז דאָס שוין פאַר שוידערלעך לעבן אַ זין?...



## א באַאַרטע לינדע

מיטן אין ליבלעכן וואַלד אַפּגעשטעלט,
דעם פלינקען פלאַטער און די פאַלדען פון קלייד:
דעם אָטעם קוים באַפּנדיק שטאָלטנע און ברייט,
פאַרויטלט פנים מיט פּאָכער פארשטעלט.

יאָ, אַ טאַנץ טון עס האָט זיך איר פארוועלט,
ווי אין די יונגע יאָרן מיידליש פארשייט,
האָט זיך דער קאָפּ איר אַ קליין ביסל פאַרדרייט,
ברר, איבער לייב אַ רונצלדיקע קעלט — — —

דאָס יונגוואָרג ווי ס'האָט זיך דאָס אויסגעצירט,
מיט בלימל קאָקעט און מיט ליפּל פארשמירט!
איז זי נישט אויך אַ יונג־בלוט געווען?

אָבער נישט אַזעלכע טענץ, אַזעלכע טאַנגא!
און קליידלעך תמיד געטראָגן האָט זי לאַנגע,
נישט פון פיינגבלעטער, אַלץ אַרורכצוזען.

## א יינגער אַלך

דער שלאַנקער אָלך, דער קאַוואַליר, דער העלד,
ער האָט זיי אַלעמען די קעפּלעך פאַרדרייט;
בלויז איין בליק צו וואַרפן אויף אים פון דער זייט,
ס'האָט זיך אַ קזשאַק אויף שפּיץ־פינגער געשטעלט.

איז עס זיין פולער קאָפּ האָר וואָס געפעלט,
אָדער דאָס וואויל־יינגערישע ווי ער שטייט?
מיט די וואָנסעלעך נאַשפּיין, קונציק פאַרדרייט,
כאָטש צו נעמען אויף זיי די גאַרע וועלט!

און קעטעווע לויט לעצטער מאָדע־שניט,
און דעם קענזשער אויף אַ האָר אין דער מיט,
און אַ פּאָלקע איבער די אויערן פארקעמט.

ווי שטייף ער שטייט דאָס, ר'זאָל זיך טון כאָטש אַ נויג,
און אין בליציקן האַלב פארזשמורעטן אויג
דעם מאָנאָקל — די פרילינג־זון איינגעקלעמט!

## דער עפּל בוים

(צו דער חתונה פון מיין פּלימעניק נחום שטענציל)

ווייל ס'עפּעלע פאלט נישט ווייט פונם בוים,
דערפאר איז ער אזוי שיין ווען ער בליט.
אינדרייען געבויגן, פארמאטערט מיד,
אויף שוואכע דינע פיס ער האלט זיך קוים,

טאָ ווי אזוי אין די אויגן דער טרוים,
פלאמיק אָנגעצונדן, ליכטיק צעגליט?
ווייל אין הארץ זיינעם א סוד ס'איז באהיט:
דאָס עפּעלע פאלט נישט ווייט פונם בוים.

וואָס איז דען שטאָם, וואָס איז דען צווייג? האַלץ;
די צייטיקע פרוכט דאָס איז דאָך דער שטאָלץ!
איינגעקאָרטשעט אין דרייען איינגעבויגן,

אָבער די האָפערדיקע פרייד דערפון,
ווען דאָס עפּעלע אויפגלאַנצט אין דער זון,
פון זאַפטן פון אייגענעם גוף אויסגעזויגן — — —

## דאס געבעט פון פניאק

ווי מיט פארבראָכענע הענט פולע מיט שוויגן,
אין א לעצטער תפילה צו ווערן דערהערט,
קאָרטשעט א בוים זיך אין בענקעניש פארצערט,
ווען דער זאפט פון דער ערד שפּרודלט אים אנטקיינן — — —

איז אונטערגעבראָכן דער שטאָם מיט די צווייגן,
טאָ וואָס קאָן העלפן נאָך דער פניאַק אין דער ערד?
די געבליבענע וואָרצלען וואָס פאר א ווערט?
זיי וועלן זאפטן פון טיפעניש נישט זייגן.

מאַראַשקעס ראַיענדיק צוזאַמענגעטריבענע,
ארום וואָרצלען אין דער ערד שטעקן געבליבענע,
ס'איז יענער רוקן־צוק ביז טיף אין גניק —

פארשניטענע בענקשאפט אין לופט געבליבן הענגען!
זיי קענען אָבער מיט זייער מי און אָנשטרענגען,
דעם בוים נישט מער לעבעדיק מאַכן צוריק.



## א ווערבע ביים טייך

מיט טויט־שרעק און מיט טרויער טיף אין די אויגן,
א באזיגטער פון שלאכט פעלד אנטלאָפן,
פון שונא'ס פיילן געיאָגט און געטראָפן,
איז ער שטיינגעבליבן ביים ברעג איינגעבויגן.

זיין יעדער צווייג א צעקניפּטער פיילנבויגן —
א הארץ א צעריסנס מיט לעצטן האָפן!
פאר הארפן סטרונעס מיט געזאנג אין־סופן
שפּאַנען זיי, דערצו אפשר ז'קענען נאך טויגן —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט טויזנטער פולע אויגן טריפט יעטווידער צווייג,
דאָס געוויין פון א הארץ פארביטן אין געשוויג —
א ווערבע וואָס שטייט איבערן טייך־ברעג געבויגן — —

דאָס וואסער צו אירע פיס ווערט שטילער אין זיין גאנג,
און יעדער פויגל אינמיטן פון זיין געזאנג,
איבער דער ווערבע אינדערהויך פארביי געפלויגן.

## שבת לייכטער

(דרשה־געשאנק פאר מיין ברודערגזון)

I

ווייל דו שטייסט א ליכטיקע פאר מיינע אויגן,
דערפאר שיינען זיי אזוי און זיינען אזוי גרוים;
דאָס אויסגעלאָשענע אין מיר צינדט זיך צוריק אָן,
ווי אמאָל פרייטיקצונאכטס אין טאטע־מאמע הויז.

איינמאָל נאָר דיך געזען, אָבער מיינע אויגן
פלאַנדיקע שטערן, אויפגעפלאַמטע אומגעריכט — —
אז ווייטער ס'זאָל ברענען, ס'זאָל לייכטן קענען,
בלויז אָנצינדן מ'ברויך נאָר דאָס אויסגעלאָשענע ליכט.

יאָ, איינמאָל אָנגעצונדן, אַן איינציקן מאָל
און נישט אויסגעלאָשן צו ווערן דאָס פלעמל ברענט — —
מ'מוז עס נאָר באשיצן קענען, ווי שבת ליכט,
הייליק געבענטשטע, מיט פלאַטערדיקע מאמע הענט.

II

פון טאַפּנדיקער טיפער פינסטערניש ארויס,
מיט צוויי בענטשנדיקע הענט דו הייבסט דיך ליכטיק אויף;
דיינע אויגן, צוויי צעפינקלטע פינטעלעך,
אויפגעלויכטענע מיט הייליקייט פון אין סוף.

איינגעהילט אין שווערן יאָך פון פינסטערער וואָך —
אין שווארצן סאמעט־מאנטל ביז די קנעכל אראָפּ;
דיין דימאַנטן אויסגעזיצטע שטערן טיכל —
דער שבת־קודש אויפגעגאנגען איבער דיין קאָפּ.

מיט מלאכים־געשוועב פול געווען איז די שטוב,
ווען דיינע הענט געפלאַטערט האָבן איבער די ליכט — — —
כ'האָב זיי דערזען אַצינד ווידער אַמאָל,
דיך דערבליקנדיק אין מיין פינסטערן אומגעריכט.

III

די זילבערנע לייכטער, שטאַלטנע, געהעמערטע,
זיי האָבן אויסגעזען פונקט ווי מיין מאַמעס געשטאַלט,
און ווי זי קוים זיי האָבן זיך איינגעבויגן,
ווען פון יאָך פון יאָרן זיי זיינען געוואָרן אַלט.

פון די פאַלטן פון איר זילבערדיקן פנים
זיי האָבן באַקומען זייער שפּיגלדיק געקנייטש — — —
פאַרטראַכטע האָבן זיי גאַנצע וואָך אויסגעזען,
פון איר שטילן ליכט־בענטשן געבעט אויף עברי־טייטש.

מיין מאַמע איז מער נישטאָ, צומאָל איר קבר — —
און אירע לייכטער ווער ווייסט ווער ס'האָט זיי צוגערויבט?
נאָר אַז איך זע וואו יידישע שבת־לייכטער,
ריידן זיי מאַמע־לשון — — מיין האַרץ ווערט שטיל און גלויבט.

IV

(אַ תחינה צו ליכט־צינדן)

גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב,
אַ געוואַלטיקע פינסטערניש נעמט אַרום, אַ שרעק:
די גאַנצע וועלט אַ פולע איז מיט די שאָטנס,
פון אַלע אונזערע וואָס זיינען מיט רויך אַוועק.

גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב,
דאָס אַנגעצונדענע פלעמל אין מיר וואָסער צוועק?
אַז די אויפגעצאַפּלטע לאַנגע שאָטנעס
זאָלן זיך טון ציען אַזוי, העט ביזן אַלדע־העק? — — —

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
ווי צו דיין צאָרן האָט דאָך צו דיין גוטסקייט קיין ברעג!
כ'האַלט מיין האַרץ אין מיינע הענט אַ צאַנקענדיק ליכט,
ביז צו דער פינסטערניש עס וועט נישט נעמען קיין עק.





# אייזערנע קאַסע

(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

## 1

דער ליינער מיט אַ גוטן זכרון, וועט זיכער גדענקען ווי מ'האָט מיר צוגע'גנב'ט ס'ערשטע קאַסעלע, וואָס האָט רעפּרעזענטירט מיין האָב און גוטס, מיינע חלומות און אידעאַלן; ווי מ'האָט דאָס קאַסעלע געפונען טעג שפּעטער מיט די בעבעכעס אַרויס, און אַ קראַוואַטן־שפּילקעלע געפונען דאַרין, ווי להבדיל, אַ נאָדל אין פּופּיק.

אָבער נאָכוואָס איבערחזרן? איז עס דען נישט באַשריבן אין „גנבה־קאַפּיטל” פון ספר „וויזיאָנען און אידעלשטיינער”? אַ בלינדער קען עס דאָך ליינען ווייל עס האָט דאָך ערשינען אין אַמעריקע אין ברייל־שריפט.

וואָס איך וויל אייך איצט דערציילן איז דאָס: ווען איך בין געבליבן אָן ווערקצייג, אָן סחורה, אָן געלט און אָן אַ רח"ל ר.ה. אָן אַ גאָט וואָס זאָל זיך איבער מיר מרחם זיין, האָט מיר אַ מיידל געבאָרגט £10 פאַר אַ נייע קאַסע, און אַזוי ווי דאָס מיידל האָט פון קינדווייז אָן געאַרבעט שווער און ביטער אויף יעדער פּרוטה, איז עס געוואָרן איינס פון די סיבות וואָס האָט אונז באַוואויגן צו ווערן חתן־כלה.

און ס'זיינען אַוועק 15 יאָר. מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה צווישן. און איך? — איך האָב געדאַרפט אַ גרויסע, זיכערע קאַסע וואָס זאָל קאָסטן אַ 100 פונט. האָב איך עס ספּעציעל באַשטעלט. און אין דעם טאָג מ'האָט די קאַסע אַריינגעבראַכט אין געשעפט האָט זיך מיר אָן אָריענטאַלע פּערל, ווערט אַ 10 פונט אַרויסגעגליטשט פון די פינגער, געשפּרונגען ווי אַ ווייס קאַוועלע און זיך אַרונטערגעקאַלערט מיט אונטער דער נייער שווערער קאַסע און אונמעגלעך געווען זי צוכאַפּן. וואָס מער מ'האָט זי געזוכט אַלץ טיפער האָט זי זיך באַהאַלטן, אַפילו פון די ליטעראַרישע געניטע פעדער האָט זי זיך נאָר געלאָזט קיצלען, אָבער נישט כאַפּן.

און אַזוי איז די פּערל אָבגעלעגן אונטער דער אייזערנער קאַסע, ווי אַ בעבעלע אין אַן „עיר הציר שעלטער”. אָן ערך 15 יאָר.

און ווען ס'איז געקומען דער טאָג, מ'האָט זיך געדאַרפט איבערציען צו קמיע ווינקל נומער צוויי, האָב איך געדענקט אין דער פּערל און געבעטן די איבערפירער פון דער קאַסע, דאָס זיי זאָלן זיין זער פאָרזיכטיק ווען זיי רוקן און הייבן די קאַסע, מחמת אונטער דער קאַסע ליגט אַ טייערער אָריענטאַלער פּערל.

און איצט הייבט עס שוין אָן צו ווערן דראַמאַטיש!

ווייל ווען מען האט די פערל אויפגעהויבן, איז זי געבעך געווען צעקאליטשעט. די הויט צעריבן און צעריסן, און זער קאלט און דורשטיק. אט, אט, האב איך געמיינט גייט דערפון די נשמה ארויס.

אבער ניין, „גאט לעבט נאך!" ווי איינשטיין האט אויסגערופן, עס איז נאך דא א גאט, און ער האט אן אויג און א טרער פארן קלענסטן פערעלע.

און אזוי האב איך געטון! כ'האב ארומגעשיילט די אויבערשטע צעמזיקטע הויט און זי אנגעטרונקען מיט ריינעם ווארעמען אייל, און זי האט ווייטער געקריגן א קאליר אין פנים, א ראזאווע געזונט קאליר. זי האט געשמייכלט און געלאכט צו מיר, ווי זי וואלט געזאגט: געדענקסטו ווען איך האב זיך מיט דיר געשפילט בלינדער־קו, און דו האסט מיך נישט געקאנט כאפן? און וואס מער זי האט געלאכט און געשטיפט, אלץ מער האב איך זי געהאלוט און געקושט. און כאטש זי האט אין דער אפעראציע פארלוירן א דריטל געוויכט האט אבער איר קוואליטעט געשטיגן מער ווי דא פעלט.

הלואי אויף אונזער פאלק געזאגט געווארן אזא נס!
אה רבש"ע פון אונזערע גרויסן וועלט חורבן,
פארוואס האסטו מיך נישט געמאכט
דעם גאלדשמידט פון מיין פאלק?
איך האב דאך דאס צירונג פאר זיי,
פארוואס ליגט ער פארשלאסן
אין דער קאסע פון מיין הארץ?
גאט! האסטו דעם שליסל פארלוירן?
אדער אפשר ווייסטו, דאס מיינע הענט
זיינען נישט ריין גענוג אנצורירן דיין צירונג?
אה, גאט, עפען מיין געוירשנטן קוואל,
פון ריינע הייליקע טרערן
און זאלן זיי מיינע הענט ריין־וואשן.

2

און איצט הייבט זיך אן א מעשה שהיה, מיט א קאסע וואס אהביאל און איך — די צוויי דירעקטארן, פון דער לימיטעט קאמפאניע „הדר דורות", האבן געקויפט אין ירושלים פאר דער קונסט גאלעריע, וואס מיר האבן דארט געגרינדעט אין 1935.

מיר זיינען אריין אין אן אייזן געשעפט אין רחוב יפה און געקויפט א שפאגל נייע קאסע פאר 60 פונט. די פירמע האט נישט געהאט די מיטלען די קאסע צו ליפערן, רעקאמענדירנדיק משה'לען „ער וועט שוין דאס באזארגן על צד היותר טוב". ווער איז געווען „משה'לע"? — משהלע איז געווען א מיטל־יעריגער, שווארצבערדיקער תימנער ייד, קליינגעוואקסיק און פעסט געבויט. און ער האט אונטער זיך געהאט א מחנה פון צוועלף תימנ'ער יידן,



אלע הויכע, שטארקע מיט שווארצע שפראצנדיקע בערדעלעך און מיט אן עין הרע'דיקע בערד, און מיט קליינע און גרויסע חלומות אין זייערע מילך־ און פעך אויגן. די הויט פון אלע 13 זיינען געווען געברענט און געבראטן אין אריענטאלן זונען אויוון. און זיי זיינען געווען די פאפולערסטע יידישע טרעגער פון גאנץ ירושלים.

ווען זיי האבן נישט געהאט באשעפטיקונג, פלעגן זיי זיצן אויף דעם טראטואר אין מיטן פון רחוב יפה, זיך דערציילן מעשיות, זיך וויצלען און ווארפן אראנזשען אין דער לופט, אקראבאטיש מעסיק.

געקליידעט זיינען זיי געווען אין אבגעריבענע מלבושים, מיט לאטעס פאריכטעט, מיט שטריק ארומגעגארטעלט און אריבערגעווארפן איבער די אקסלען.

כ'בין אסאך מאל זיי פארבייגעגאנגען און יעדעס מאל זיך געוואונטשן צו זיין כאטש א לעאנארדא דע ווינשע. אלע געמאלטע בילדער פון ישוע'ס לעצטער מאלצייט וואלטן אויסגעזען לעבנסלאז אין פארגלייך צו זיי. אבער ווי אזוי איז מעגלעך איבערצוגעבן אויף דער ענימישער ליוונט דעם חן פון זייער הענט באוועגונג, דאס פייער פון זייער קאניבאליסטיש בליק? אדער די תאוה וואס האט געגליט אין זייערע ווייסע ציין, ווען זיי האבן הונגעריק ווי לייבן אין די בלוט אראנזשעם אריינגעביסן?

דאס תימנ'ער יידנטום איז נישט אזוי שעפעריש ווי דאס אשכנזישע, מחמת דאס שעפערישקייט איז זיי אריין אין די אינסטרומענטן פון זייערע גלידער און אין יעדנס קנייטשעלע פון זייער הויט.

זיי שאפן נישט קונסט, זיי זיינען עס.

און ווער רעדט נאך פון דער תימנ'ער פרוי! דאס דערשלאגענסטע, ארעמסטע באלייריקסטע תימנ'ער מיידל, האט מער גראציע ווי די געבילדעטסטע אשכנזישע גברת, מיט איר גאנצן פאריזער שיק, שמיק און געשמאק.

מיר מוזן אבער צוריקשפאנען צו אונזער טעמא: „אייזערנע קאסעס"!

איך האב גענומען דער פירמעס רעקאמענדאציע און אהין צו משהלען, דעם ראש פון די 12 טרעגער, וואס זיינען געווען מיט קעפ העכער פון אים, און אים פארגעשלאגן דעם „דושאב". אים געזאגט דאס ס'איז א פערטל שעה מהלך פון דער פירמע צו דער גאלעריע, דאס די גאלעריע איז אויפן ערשטן שטאק און די טרעפן זיינען ענג און קרום. „קענסטו עס זיך אונטערנעמען?" — אים געפרעגט. האבן זיך אלע צוועלף טרעגער אויפגעשטעלט, מיך ארומגערינגעלט און אזוי ווי איך האב געטראגן א זיידענעם כאלאט און ריין ראזירט געווען האב איך זיך געפילט צווישן זיי ווי יוסף'ל צווישן די ברידער. און איך פרעג זיי: „קענט איר טראגן א שווערע קאסע?" — און אלע ענטפערן מיט איין קול „יא!" און איינער לייגט נאך צו, „אפילו דעם מגדל דוד!"

— „איר האט דען כלים דאפיר"? פרעג איך ווייטער.

ענטפערן אלע בפה אחד „מיר האבן הענט און פלייצעס" און איינער

ליינט צו „דער גלות איז שווערער און מיר טראָגן אים לייכטער לכל הפחות ווי די אשכנזים".

פרעג איך צום דריטן מאָל: „איר זענט זיכער איר וועט עס קענען טון? „בעיטאַח! חאַ, חאַ, חאַ!" לאַכט ארום מיר דער גאַנצער סערקל ווייסע ציין. און זעט אויס ווי אַ ליכטיקער שטרייף און שפּאַלט פון בין השמשות האָריזאָנט, איידער די שוואַרצע טאַצען פון הימל און ערד דערנענטערן זיך און צעקוועטשן די ליכט.

זעענדיק דאָס זיי זיינען אַלע אַזוי זיכער ביי זיך האָב איך זיך משווה געוואָרן מיט משהלען אויף 3 פונט, אַ חוץ טרינקגעלט, אים פאַרטרויט דאָס איך בין אויך אַ משהלע, און זיי האָבן זיך גלייך גענומען מוטיק צו דער אַרבעט.

ווער עס האָט נישט געזען, ווי די 12 גבורי־ישראל האָבן געטראָגן דורך עטלעכע גאַסן פון ירושלים די שוואַרצע קאַסע אויף זייערע אַקסלען, ווי להבדיל אַן אָרון! וויביידע משה'לעך זיינען זיי נאָכגעגאַנגען. ווער עס האָט נישט געזען ווי זיי האָבן זיך נעבעך געמאַרדעוועט די קאַסע אַרויפצושלעפּן אויף די קרומע ענגע טרעפּן, ווי ביידע משהלעך האָבן זיי געגעבן עצות... דער וואָס האָט נישט געזען ווי אין די זעקס שעה ס'האָט זיי גענומען די קאַסע אַוועקצושטעלן אויף דעם ריכטיקן היילנקן אָרט האָבן זיי זעקס טעג שווייס אויסגעגאָסן, דער האָט נאָך אַן אינטערעסאַנט בילד נישט געזען.

איך מצדי, וועל דאָס בילד אייביק אין מיר אַרומטראָגן ביז דער טיפער קבר פון שכחה וועט עס איינשלינגען.

איך האָב זיי געגעבן 13 מילדיקע פונטן אַ חוץ טרינקגעלט און געכאַפּט אין דעם בילדרייכן איבערלעבעניש די גרעסטע מציאה אין אַ לעבן פון גרויסע מציאות!

3

ס'נייען אַוועק עטלעכע שאַ־שטילע וואָכן און מ'הערט נישט קיין טריט, נישט פון צייט, נישט פון אַ קונה און נישט פון דער גולאַח, נאָר דאָס עפּטערע זשומען פון מאַסקיטאָס.

ס'איז שטיל אין דער גאַלעריע ווי אויף אַ רעפּאַרמישן בית עולם און די קאַסע שטייט ווי אַ פאַרמעגלעכע מצבה. אין דעם הערט זיך טריט אויף די טרעפּ און די טיר עפנט זיך און ס'באַווייזט זיך אַן עלעגאַנטער אייראָפּעאיש־געקליידעטער ייד, און שטעלט זיך פאָר: „איך בין דער פאַבריקאַנט וואָס מאַנופעקטשורט אין תל־אביב די קאַסע, וואָס איר האָט געקויפט. איך בין געקומען זען מיט אייער ערלויבעניש, וואָס זי מאַכט".

כ'האָב זיך געפרייט צו זען אַ לעבעדיקן מענטשן, זאָג איך: „מיט פאַרגעניגן, קומט אַריין, קוקט, זעט, אָט דאָ שטייט זי".

מאַכט ער — באַטראַכטנדיק די שוואַרצע קאַסע אויף דעם ווייסן אונטערגרונד פון וואַנט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אַביסל געבויגן אויף לינקס, ווי אַ



קונסט קריטיקער, בשעת מעשה שפּיגלענדיק זיך ווי אַ דענדי אין הויכן שוואַרצן פּאָליר — — —

— אָט דאָס הייסט אַ קאַסע! אין גאַנץ אייראָפּע קרינט מען דאָס נישט! נישט פאַר קיין געלט! וואָס תל־אביב קען אַלעס פּראָדוצירן! אַ פּעסטונג נישט אמת? איר מעגט מיט איר שטאָלצירן!

— געוויס שטאָלצירן מיר מיט איר! און מיט תל־אביב, און מיט אייך. איר זענט ווערט אַ מעדאַל! — זאָג איך.

זאָגט ער: „וואָס טויגן מיר מעדאַלן", און ציינט אויף דער קאַסע, „דאָס איז מיין מעדאַל"!

און ער נעמט אַרויס אַן אויסגעפּרעסט ווייַדן־טיכל פון אויבערטעשל פון זיין יאַלדיש רעקל, און מאַסאַזשירט לייכט די קאַסע, ווי אַן אַריסטאָקראַטישע דאַמע ווען זי שמירט און פודערט איר פּנים אין געזעלשאַפט. און ער ווינטשט דעם „הדר דורות" מזל און ברכה און איך זיין פאַבריק דאָס זעלבע און ער גייט אַוועק בשלום.

4

נאָך 12 חדשים, נאָך דעם ווי צוועלף לבנות האָבן יעדער נאַכט געשלעפּט שווערע גרויסע וואָלקנס, ביז מ'האָט זיי קוים אַרויסגעזען, און אַלעס בחינם בלא דבר, האָבן די דירעקטאָרן פון „הדר דורות רעצעדירט צו ליקווידירן די גאַלעריע און פאַרקויפט די קאַסע צו אַ ירושלים'ער תושב פאַר 20 פונט.

דער תושב האָט געפונען אַ פּראָפּעסיאָנאַלן קאַסע־איבערפירער, מיט די לעצטע מאָדערנע מאַשינען און אימפּלימענטן. און ווען די הייב־מאַשין האָט געגעבן אַ כאַפּ ארום און אַ רייס אַרויס די קאַסע פון שטוב דורכן פענסטער, ווי מרייסט אַרויס אַ צאָן האָט זיך די קאַסע אין דער לופט פון גאַס — נאָך איידער זי האָט דערגרייכט דעם טראַנספּאָרט־וואָגן — צעבראָכן אויף צוויי.

און דער זאַמד פון תל־אביב האָט פאַרפלייצט די גאַס פון ירושלים און געמאַכט אַלע פענסטער בלינד.

---

און יעצט צום שלום בין איך זיך מודה ומתודה, דאָס יעדעס מאָל איך דערמאָן זיך אין דער שוואַרצער קאַסע און אין איר בראָך, באַפאַלט מיך אַ שרעק פאַרן גורל פון ארץ ישראל אין די נאָענטע טעג. פאַרוואָס איך שרעק מיך אַזוי, קען איך ליידער נישט אָנפאַרטרויען פרעמדע אויערן, נישט אפילו מיינע אייגענע ליפּן. איין זאַך בין איך אָבער זיכער, דאָס ענדלעך, וועט ארץ ישראל זיין די לאָמטערנע פון דער וועלט און ישראל זיין בּרענענדיקע ליכט וואָס וועט זיך קיינאיינמאָל נישט מער צעברעכן און נישט ווערן אויסגעלאָשן.

## ל. ש. קרעדיטאר

# אן אשת איש

(מאנאלאג פון א בחור א פרוש וואס רעדט צו זיך אליין)

און טאג־טעגליך פרעגן זיי מיר, ווער מיט פארבארגענעם גיפטיקן שפאס און ווער מיט רחמנותדיקן ערנסט:

אליהו, אליהו, נאך ניט צייט פאר דיר חתונה צוהאבן? נאך ניט צייט?

מילא, אז דער רב פארגלאצט אביסל די רויט ברעמעריקע אויגן און פרעגט מיר די זעלביקע שאלה, ווייס איך לכל הפחות, אז ער מיינט עס באמת. ער איז דאך א גרויסער ירא־שמים, און איז זיכער, אז א בחור איבער שמונה עשרה לחופה מוז זיין א שטיקל מחותן מיט דער מכשפה לילית. דערפאר ווער איך ניט בייז אויף אים און ענטפער אים מיט א קשיא פון „קצות" אדער פון „פני ישוע" אדער ווי אזוי שיקט זיך דארט דער רמב"ם. ער פארגעסט שוין וועגן „לילית" און ניט געפינענדיק א תירוץ זאגט ער, אז „מען דארף „מעיין זיין" און רוקט זיך אפ שנעל אין מזרח ווינקל ביי זיין אפענער גמרא. צופיל ריידן מיט מיר אין לערנען איז ער גאר קיין בעלן ניט. און א מיטן ענין גיט ער מיר א קלאפ אין פלייצע: נו, אליהו, ביזט דאך א גוטער בחור, האסט א גוואלדיקן זכרון. דעם נאמען „חריף" היט ער זיך ארויסצוריידן, מיט דעם נאמען רופט ער זיין שמואל'ן.

אבער מיט די בעלי־ביתישע לומדים, די געווארענע קרעמער און סוחרים דורך דעם נדן וואס זיי האבן באקומען פאר זייער תורה, זיי, אז זיי פרעגן מיר פארוואס איך האב ניט חתונה, און דערלויבן זיך נאך אמאל מיר צוזאגן מוסר, און דער זיידענער יונגערמאנטשיק, חצקעלע, דאס איידעמל, דער גביר, האט א מאל חוצפה מיט א גראב ווארט, מיט באליידיקונג צופרעגן, דאמאלט ווער איך שוין א ביסל אויפגערעקט און ענטפער זיי. אז ס'איז גלייכער פאר זיי איך זאל דעם סוד האלטן ביי זיך און ניט אויספויקן אין שטעטל; ווארום אויך זיי וועלן מיר ברענגען דערצו, אז איך זאל דאס מגלה זיין דאמאלט קאן קומען צו א גאנצע איבערקערעניש. די עליונים וועלן ארונטערנידערן, די נעפאלענע וועלן דערהויבן ווערן, ס'וועט ווערן א מין משיח'ס צייטן.

דער ערשטער וואס וועט אראפ פון זיין גדולה וועט זיין שמואל דעם רב'ס. עפעס א קלייניקייט! דעם רב'ס זון לעבט מיט אן אשת־איש און די וועלט שווייגט, דער רב שווייגט און קהל שווייגט. איז דאס ווען געהערט געווארן אזא נבלה?!

נאר ווי דער שטיינער איז וועלן זיך געפינען אנדערע וואס וועלן ניט גלויבן, אנדערע חנפנים וועלן שרייען אויף מיר, אז איך בין מוציא שם רע



אויף א תלמיד חכם און אויף א אשה צנועה! וועל איך זיי מגלה זיין דעם גאנצן סוד, אז די אשה צנועה איז טאקע אן אמת'ע צנועה און זי איז קיינעמס ניט נאר זי איז מיין ווייב.

וועט זיך אנהייבן א מהומה, א טומל און א געוודער: — סטייטש, וואס הייסט דאס, אז זי איז דיין ווייב?! ביסט משוגע געווארן, אדער א דיבוק רעדט פון דיר?

דאמאלט וועל איך זיי ענטפערן געלאסן און זיי געבן צו פארשטיין דעם גאנצן ענין כהלכה:

ס'איז דאך ידוע, אז אשה מקודשת מיט דריי זאכן. די קדושין דורך „שטר" איז דאך ניט דער עיקר. וואס זשע, מיט א שטיקל פאפיר דערווערבט מען זיך דאס הארץ פון דער אשה? „כסף" איז נאך אויך ניט תופס די קדושין, מיט געלט קויפט מען נאך ניט קיין ליבשאפט פון א פרוי, נאך ווען, אז זי האט ליב געהאט פריער אן אנדערן. און וועגן די דריטע זאך איז פאראן א גמרא. און זאלן זיי מעיין זיין, אייב זיי זיינען לומדים, און וועלן ארויסדרינגען פון דעם דין פון „קנס" ביי א בתולה. די אמתע קדושין איז דאס הארץ, די טיפע ליבשאפט וואס מען פילט איינס צום אנדערן, און אויף דעם אופן האב איך איר, שרה'לען, מקדש געווען איידער שמואל דעם רב'ס איז געקומען אהיים, פון וואלאזשין, מיט זיין „סמיכה". זי איז מיין ווייב און איך בין איר מאן. אייב איר טאטע, דער תקיף האט איר פארקנס'ט צו שמואלן, ווייל ער האט געוואלט זיין דעם רב'ס מחותן, דאס איז לגמרי גאר־ניט. דאס איז געווען בעל־כרחה, ער האט איר ניט געפרעגט, און זי האט זיכער ניט מסכים געווען אין הארצן. ווי אזוי קאן זי מסכים זיין, אז זי האט מיר אזוי ליב און מיר האבן חתונה געהאט מיט הארץ, מיט געפיל, מיט געדאנק און מיט אזוי פיל ליבשאפט. זי איז מיינע לעולם ועד, ווייל ווען זי לעבט מיט אים טראכט זי פון מיר, און ביזן טויט וועט זי טראכטן פון מיר, אזוי איך און אזוי זי.

למה הדבר דומה, צו א מאן וואס זיין ווייב איז אוועקגעפארן צוגאסט. זי שרה'לע, איז נאר צוגאסט ביי שמואל'ן, מילא זאמט זי זיך אביסל לייגער. מה רעש? קאן זי ניט קומען, לעת עתה, צוריק צו מיר. דורך דעם הערט זי נאך ניט אויף צו זיין מיין ווייב, כל־זמן איך האב איר ניט געגעבן קיין גט פטורין. און דאס וועל איך איר קיינמאל ניט געבן ווייל זי וויל דאס אויך ניט, און איך אודאי און אודאי ניט.

וואס איך קאן ניט פארשטיין איז די רציחה און די עבירה פון שמואלן. ער מוז דאך געוויס וויסן, אז זי איז אן אשת-איש, ער מוז דאך פילן, אז זי איז א פרעמדע. ניט שוין זשע האט זי אים קיינמאל ניט דערציילט פון מיר? ניט שוין זשע האט זי די גאנצע אכט יאר מיין נאמען ניט דערמאנט? מיר דוכט, אז מען קאן דערקענען... נו, פארוואס האלט ער איר? פארוואס? אמת, איך פארשטיי, דער קאפ איז אים ניט אויסגעדארט, בכן ווייל

קיינער ווייס דערפון ניט מאכט ער זיך תמ'עוואטע און מאכט זיך ניט יוויסנדיק. דאס גופא טרייבט דאך מיר, אז איך זאל מגלה זיין דעם גאנצן אמת, אויב ניט בין איך דאך א מסייע ידי עוברי עבירה, און דעם „אם לא יגיד“ !...איך מוז דאס מגלה זיין. גענוג געשוויגן, גענוג געליטן, מיין מוח הויבט מיר, אז איך דערמאן זיך דאס אזא עבירה מיט אן אשת־איש, קומט פאר בפרהסיא, און נאך פון דעם בר־סמכא שמואל דעם רב'ם!

און דאמאלט, ווען די וועלט וועט דאס וויסן, וועלן זיי שוין פארשטיין פארוואס איך האב ניט חתונה, זיי וועלן מיר שוין ניט האלטן פאר א צודרייטן, זיי ווייסן אייך, אז איך וועל ניט עובר זיין אויפ'ן חרם־דרבנו־גרשום.

יא, זיי וועלן אודאי וועלן פסלען די קדושין, זיי וועלן דאך ניט וועלן מבזה זיין אזא תלמיד חכם ווי שמואל דעם רב'ס, און וועלן פסק'נען, אז בכן מיינע קדושין זיינען ניט תופס. ווייל ס'איז ניטא קיין עדות. אי, דא האב איך זיי געפאקט. איך וועל זיי שוין בריינגען אזעלכע עדות וואס קאנען ניט אפגעלייקענט ווערן. אט וואס איך וועל טאן מיט זיי:

איך וועל זיי אוועקפירן צום טייכל, נישקשה, זיי מעגן זיך מטריח זיין אייב זיי ווילן וויסן דעם אמת. אט ביי דעם גרינליך קריסטאלענעם וואסער פלעג איך אפזיצן מיט שרהלען שעהן לאנג, ביז שפעט אין דער נאכט, ווען די לבנה האט זיך גענומען טובלען אין אים. דער לאנגזאמער ווייכער פויזן פון דעם וואסער קאן זיי דערציילן דעם סוד. מע קאן עס הערן. פון דארט וועל איך זיי פירן א ביסל ווייטער, צום געדיכטן גרינעם וועלדל. דארט ליגט נאך דער אלטער דובאווער, נאקעטער בוים, ווי א הרוג, ליגט ער, מיט א צולעכערט פארפוילטע הארץ. ארום אים זיינע חברים, יינגערע ביימער, מיט אויסגעשטרעקטע צווייגן און אומעטיק, ווי זיי וואלטן טראכטן, אז דאס זעלבע וואס איז געשען מיטן דובאוון העלד וועט געשען מיט זיי. אט אויף דעם ליגנדיקן דובאוון בוים פלעגן מיר זיצן ארומגענומען, שעהן־לאנג אפזיצן, ס'איז נארנישט געווען הארט צו זיצן אויף אים. ער האט זיך צוגעהערט צו אונזערע ווערטער און געשוויגן. געשוויגן אזוי הייליק ווען ער האט געהערט די שבועה וואס מיר האבן זיך געגעבן. נאר איינמאל האט ער ארויסגערעדט איין ווארט, א שטארקן ווארט, איין מאל נאר.

געווען איז דאס א פארנאכט, פאר דער שקיעה, ווען א אשה גייט טבילה. בין איך מיט שרהלען געזעסן אויפ'ן בוים און מיר האבן מרגיש געווען אזוינס, וואס איז שווער צוגעבן צו פארשטיין. מיט א פירוש אויף דעם קאן מען דאס נאר פארשוועכן די קדושה וואס מיר האבן געפילט. בשוגג האבן מיר זיך נאענט צוגערוקט איינס צום אנדערן, בשוגג האב איך זי צו מיין הארץ צוגעדריקט און מיט פארקוועטשטע אויגן און הייליקע כונה האב איך אנגערירט מיינע ליפן צו אירע און ארויסגעשריגן הויך: „הרי את מקודשת“! דער בוים האט משמעות דערהערט און דערפילט אונז און האט א קרעכץ געטאן: אמן!



דאס איז דאס איינציק ווארט וואס איך האב געהערט פון בוים, און איך האב דאמאלט פארשטאנען, אז דער זיווג איז מן השמים, און מיט א פרייליכן מזל־טוב פון די ארומיקע ביימער, האב איך זיך צו איר אפגערופן: שרה'לע דו ביזט איצט מיין ווייב כדת משה וישראל. זי האט געשאקלט מיטן קאפ: יא!

דערנאך איז געפראוועט געווארן די חתונה, אן אמתע חתונה מיט אלע מנהגים, מיט כלי־זמרים, מיט אונטערפירער, מיט מחותנים, מיט בשר־טענץ, ווי עס פירט זיך ביי יידן: א מחנה ווינג־פייגעלעך האבן זיך צולאזן מיט נגונים און געשפילט און געזונגען א „דאברידזיען“ מצד החתן. דערנאך האבן זיי געביטן דעם ניגון מיט פישטשען, סוויסטשערן א פריילאך'ס מצד הכלה. טיף אין וועלדל האט געקלונגען און געהילכט זייער געזאנג, ממש אן אמת'ע קאפעליע ווי ביי דער רייכסטער חתונה. צו די כלי־זמרים זיינען אנגעקומען נייע מחותנים, צושפרייט זייערע פליגלען, געוועהט און געדרייט זיך דעם כשר־טאנץ. דער קילער ווארעמער ווינטל איז געווען אונטערפירער. ער האט צוגעבויגן א צווייג צו א צווייג, באהעפט א בלאט צו א בלאט און געמאכט א חופה איבער אונזערע קעפ. מער ווי די שטערן האבן זיך ניט ארויסגעוויזן. כשר לכל הדעות. די ארומיקע ביימער האבן שטיל שושקענענדיק זיך, כדי ניט צו שטערן די הייליקייט פון אזא חתונה, געזאגט זיך מזל־טוב. איך און שרה'לע האבן זיך אויפגעהויבן פון ווייכן גראז און געשטעלט אונטער דער גרינער חופה. מיר האבן זיך פעסט געהאלטן איינס מיטן אנדערן, פעסט, אז קיינער זאל אונז ניט קאנען צושיידן. איך האב מרגיש געווען, אז דער כביכול אליין קוועלט פון אזא הייליקן זיווג און קדושה חתונה.

אט די אלע זיינען לעבעדיקע עדות. זאלן אט די אלע בעלי־בתים פון שטעדטל זיי פרעגן, און זיי וועלן אלץ דערציילן. און אויב די פויגעלעך, די עדות, זיינען שוין אוועקגעפלויגן אין מרחקים, זאלן זיי פרעגן דעם ווינט. און אויב די ווינטן האבן זיך געביטן, קאנען זיי פרעגן דעם דיבאווען בוים. ער וועט זיי דעם אמת זאגן. ער איז געווען אי ביי די תנאים, אי ביי דער חתונה און אי — — — יא, אויב שוין יא מגלה זיין. ווען אלע לומדים וועלן זיין אין בית־המדרש וועל איך דאס מגלה זיין, די ווענט וועלן ציטערן, דער היכל וועט פון בושה זיך פארדעקן מיטן פרוכת, די ספרי תורה וועלן נשמומם ווערן: אזא עבירה פון א תלמיד חכם. לעבן מיט אן אשת־איש בפרהסיה!?

## יעקב שמואל טויבש

### אין תפיסה

יאָ, איך בלייב פריי, אויך אונטער דראָט־שטאַכעטן,
טיף, אין מיין האַרצן, פריי און אומבאַוועגט;
דאָס נשמיות מיינס איז נאָר געשמידט אין קייטן,
אין תפיסה נאָר דער גוף אַריינגעלעגט.

דער גייסט אין מיר, ער האָט זיך ניט געניינגט.
די ענגשאַפט קען ניט מיין נשמה טייטן,
וואָס האָט זיך פאַר דעם שונא ניט געביינגט
און פרואווט, אויך דאָ, די פליגלען אויסצושפרייטן...

ווייל דאָ אויך קען זי איר יניקה ציען,
קען זי זיך, אין די טעמנע תפיסה־נעכט,
איינפלעכטן אין דעם געטלעכן געפלעכט,

זיך טרייסטן מיט דער שיין פון אייביק רעכט,
זיך קוויקן מיט די קוואַלן פון זיין ליכט,
קען שפּראָצן זי און נאָט אַנטקעגנבליען...

### די רפואה

גאָט, איך דערוועג מיך ניט אויף מיר צו בעטן
און בין מיך ניט מתרעם אויף מיין נויט;
כ'ווייס, מיר לטובה בין איך איצט אין קייטן,
ווייס, ס'איז דיין משפּט מיין נשמה'ס ברויט!

איך ווייס, געפאַלן איז אויף מיר די נויט,
כדי מיין צורה אויף דאָס ניי צו קנעטן,
מציל צו זיין מיך פון דעם אייביקן טויט
און אייביק לעבן פאַר מיר צוצוגרייטן...

כ'ווייס, אין דיין שטראָף באַהאַלט זיך די ישועה
און אין דעם מרור, וואָס איך שלינג אַצונד,
די תרופה, אויף צו מאַכן מיך געזונט;

אַז איך וועל ווערן זעענדיק פון בלינד,
אַז ס'איז פאַראַן אַ וואונדער אין מיין ווונד
און מיט דער רעה הויבט אָן די רפואה!



### תקומה

כאָטש אַלץ נאָך אין אַ טיפן ז.מפּ פאַרזונקען,
ראשי ורובי נאָך אין גהינום'ס טיף,
כאָטש אַלץ אין נאַכט און טונקלקייט געטונקען,
פאַראומערט און אין פּחד — גייסט און גוף,

האָט מיך דערגרייכט אַן ערשטער, זאַנפטער רוף.
האָב איך דערזען אַ ליכט פון ווייטן ווינקען,
דערזען — בשעת מיין האַרבער תשובה'ס פּרוּוו —
פון האָפענונג די ערשטע זילבער־פונקען!...

די שטראַלן שפּילן ביז צו מיר אין תפיסה
און וואַרעמען דאָס פאַרגליווערטע געביין
און טרייסטן: אַז ס'איז ניט אומזיסט געווען...

אַז כ'האָב געמוזט דעם גהינום דאָרעכגיין,
כדי, געלייטערט, ווידער אויפצושטיין,
אַן אויפשטייאונג, אַ תקומה נאָך דער מיתה!...

### דער שכר

איז דאָס פון דיר געווען, האָסטו געוואונקען,
איז דאָס מיט דיין הסכּמה, גאָט, געשען?
דעם כוס פון זינד, האָב איך אים נאָר געטרונקען,
איך זאָל זיין זיסע ביטערקייט פאַרשטיין?

האָסטו, כדי איך זאָל דעם אָפּגרונט זען,
מיך אין דעם טיפן טוואָן אַריינגעטונקען,
און נאָר, איך זאָל זיין טיפעניש דערגיין,
מיך, ביזן דנאָ, געלאָזט אין זומפּ פאַרזונקען?

מיך, סוף כל סוף, פאַרט ווידער צו דערהייבן
און מיך צו פירן, מיט אַ גנעדיקער האַנט,
צו יענעם זילבער־בלאָען הימלקאַנט,

צו יענעם ריינעם, לייכטנדיקן לאַנד,
וואו ניט אין שרעקעניש און שטראָף און שאַנד,
וואו אַלץ וועט זיין פאַרגעסן און פאַרגעבן?...

## נחום שטענצל

# א בריו ווי מ׳ליינט אים און א ווארט ווי מ׳פארטייטשט עס

יעדעס געזעץ באשטייט פון טרוקענע אותיות און פון א גייסט. און אָך און ווי' איז דעמלט ווען די פארטייטשער און אויסטייטשער פונם געזעץ זע־נען מענטשן מיט א באגרעניצטן, ענגען האָריזאָנט וואָס זעען אינם געזעץ נאָר די אותיות און נישט מער. אין זייערע הענט ווערט דאָס געזעץ א טרוקנס, אָן גייסט, אָן לחלוחית.

אָרדנונג קען מען אפשר שאפן מיטן דאָזיקן אופן פון געזעץ־אינטער־פרעטאציע; אָבער נישט קיין רויערהאפטע. פריער אָדער שפעטער מוז עס דערפירן צו אַן עקספלאָזיע — א מלחמה, א מבול, אָדער אַן אַטאָמישער אויס־גלייבעניש... ווייל דער יסוד פון דער וועלט זענען דאָך סוף כל סוף אמת, ליבע (וואָס איז גורם צו גוטסקייט) און גערעכטיקייט. און צו די דאָזיקע דריי זאַכן קען מען נישט קומען דורך טרוקענע געזעצן — סיי די געטליכע סיי די וואָס מענטשן האָבן געמאַכט.

ווען עס רעדט זיך וועגן געטליכע געזעצן מוז מען דאָך צוקומען צו רע־ליגיע.

און ווי אזוי קען א געזעץ זיין געטלעך אויב מען פילט נישט דעם גייסט דערפון? אויב מען מאַכט פון רעליגיע א דאָגמאַטישע זאַך, אויב מ׳נעמט ארויס דאָס לחלוחית׳דיקע און מ׳לאָזט איבער נאָר די טרוקענע דינים.

ס׳זיינען טאַקע פאַראַן ציַיטן ווען ס׳מוז זיין „יקוב הדין את ההר״ — אָבער נאָר אין אויסנאַם׳ס פאַלן. בדרך כלל ברויך דאָס לעבן כסדר רחמים, (רח־מנות און נאָ־מנות) אסך מער ווי דעם דין.

און אזוי זענען דורך דער גאַנצער לאַנגער געשיכטע פונם מענטש געווען ציַיטן פאַרשידענע, אזעלכע ווען עס האָבן געהערשט די אותיות, די טרוקענע, פונם געזעץ, און אזעלכע, ווען דער גייסט פון געזעץ האָט גובר געווען, אָדער ריכטיגער, זענען זיי ביידער שטענדיק געווען אין קאַמף.

ספּעציעל די געזעצן פון בין אדם לחברו; למשל, דער געבאָט פון „לפני עור לא תתן מכשול״. דער טרוקענער טייטש פון דעם פסוק איז: „זאָלסט נישט לייגן קיין שטרויכלונג אינם וועג פון א בלינדן״. (נישט דוקא א בלינדן מיינט דער פסוק, נאָר בכלל איינער וואָס זעט נישט א שטרויכלונג וואָס אַן אנדערער זעט יאָ). „אויב דו זעסט א מענטשן גיין אין גאַס טאָרסטו נישט לייגן קיין שטיין אין זיין וועג ער זאָל זיך אָנשטויסן און פאַלן״.

לויט דעם טייטש, דעם טרוקענעם, ביסטו נישט מחויב אוועקצונעמען אשטיין פון וועג, וועלכן דו ווייסט, אז א מענטש קען אין אים נכשל ווערן און פאַלן. ווייל דער פסוק זאָגט דיר דאָס נישט. אזוי שטעל איך מיר פאָר קען טייטשן נאָר א „טרוקענער מתנגד״. דערפאַר אפשר האָבן טאַקע



אויך די מתנגדים ספּעציעלע מוסר־ספרים, ווייל זיי „גלייבן״ נישט קיין דרש און ווילן נישט אריינטייטשן אינם פסוק, וואָס ער זאָגט נישט ארויס בפירוש... דאַקעגן דער חסיד, ברויך נישט קיין ספּע־ציעלע מוסר־ספרים — ער טייטש עס באַלד אריין אינם פסוק; ביי אים — און אזוי האָב איך אויך געלערנט ביי מיין חסידישן מלמד—טייטשט זיך דער „לפני עור לא תתן מכשול״: „אז דו זעסט א שטיין אין גאַס איבער וועלכן א מענטש קען פאַלן, זאָלסטו אים אוועקרוימען פונם וועג״.

אזא מין טייטש לייגט אריין גייסט אין די אותיות פונם געזעץ.

דערפאַר איז טאַקע די חסידות באַוועגונג געווען די גייסטיקסטע און ראָ־מאַנטישסטע פון אונזער לעבן אין דער לעצטער עפּאָכע. ווייל חסידות האָט אריינגעבלאָזן דעם גייסט פון ליבשאַפט, גוטסקייט און שמחה אין די טרוקענע אותיות פונם געזעץ, מיט דער לאָזונג פון „לפני משורת הדין״ — אז מיט דער בלויזער שטרענקייט פונם דין קען מען חרוב מאַכן וועלטן, אז פרומקייט הייסט נישט בלויז „געזעץ״, אז עס מוז הערשן רחמים צו דער מינדסטער באַשעפעניש, אפילו צום „צומח״ און דעם „דומם״.

פרומקייט קען הייסן אויך א גרויסער פערצענטניק, מיט א חיתר־עיסקא; א מחלל־שבת מיט א שטר־מכירה...

ער איז איינגעהאַלטן לויטן „דין״. אָבער אזא סאָרט פרומקייט איז נאָך העט־ווייט פון אמתער רעליגיע, וואָס מוז אדורכדרינגען צום הארץ און געפיל פון מענטשן. אים אָנפילן מיט רחמים. און נישט זיין בלויז דאָגמע.

יאָ. די דינים מוזן מיר האָבן. מיר מוזן שטענדיק פאַר זיך זען די ליניע. די גרעניצן פון דעם וואָס מיר מעגן יאָ און וואָס מיר טאָרן נישט. ערגעץ־וואו מוז דאָך זיין א גרעניץ — און אויב די נאַטור צייכנט זי נישט אָן קלאָר גענוג פאַר אונז מענטשלעך, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן דעם געזונטן חיה׳שן אינ־סטינקט, מוזן מיר זי דאָך אליין אָנצייכענען.

אויב אָבער מ׳גייט כסדר אויף דער ליניע, טויג עס אויך נישט; דעמלט זעט מען פאַר זיך נישט מער די ברייטע וועלט — בלויז נאָר אַלאַנגע ליניע אָן אסוף... דעמלט פאַרלירט מען שוין ביידע וועלטן. ערשט ווען מען רוקט זיך א שפּאַר ביסעלע אָפּ פון דער שטייף־געצווינגענער ליניע — לפנים משורת הדין — ווערט דער האָריזאָנט א ברייטער און מ׳האָט נישט מער דאָס באַ־דריקנדיקע געפיל פון גיין ביים ראַנד פון א באַרג און זען כסדר פאַר זיך דעם תהום...

יאָ, אפילו די געדרוקטע אותיות פון א געזעץ באַקומען ערשט לעבן, דעם ריכטיקן תיקון, ווען מ׳פילט זיי אָן מיט א נשמה. ווען זיי ווערן „אותיות הפורחות באויר״; ס׳וועגדט זיך אויב מענטשן מיט א נשמה זענען זייערע מפרשים, זייערע פאַרטייטשער.

## דעם שלייפערס ליד

(געווידמעט די באליבטע אקטריסע מרים קאראלאווא)

„און זייער אויסזען און זייער ארבעט איז געווען
אזוי ווי עס וואלט זיין א ראד אין א ראד".

יחזקאל ב.

דריי זיך רעדעלע, דריי,
דריי זיך פראנק־און־פריי.
שארף קלינגעלעך,
שארף ײנגעלעך,
שארף מוה'לעך,
שארף צינגעלעך.
דריי זיך רעדעלע, דריי,
דריי זיך, דריי, פראנק־און־פריי!

דריי זיך מיידעלע, דריי,
דריי זיך פראנק־און־פריי.
זאלן פונקען פליען,
שטערן בליען,
אויגן גליען,
הערצער בריען.
דריי זיך רעדעלע, דריי,
דריי זיך, דריי, פראנק־און־פריי!

דריי זיך ווייבעלע, דריי,
דריי זיך פראנק־און־פריי.
פאר איין האנל,
מילך א לאגל,
פאר איין קיש,
א באשעפעניש.
דריי זיך רעדעלע, דריי,
דריי זיך, דריי, פראנק־און־פריי

דריי זיך באבעלע, דריי,
דריי זיך פראנק־און־פריי.
פון ווישניאק פלאשן,
און המן־טאשן,
אויף דער עלטער,
איז גוט צו נאשן.
דריי זיך רעדעלע, דריי,
דריי זיך, דריי, פראנק־און־פריי!

דריי זיך וועלטעלע, דריי,
דריי זיך פראנק־און־פריי.
פון שלייפן וואס בעסער,
חילפס שנייד־מעסער,
מערן זיך שטערן,
לבנה ווערט גרעסער.
דריי זיך רעדעלע, דריי,
דריי זיך, דריי, פראנק־און־פריי!





COPYRIGHT RESERVED BY J. BIALSKY

## י. ביאלסקי

# דערהערט דעם גלאק

(ווערטער און מוזיק פאר צוויי שטימען און פיאנא)

פאר די ענגליש־אידישע קינדער.
א פאראפראז פון „כבלות הלימודים“
די באקאנטע ליד פון „חדר מתוקן“.

1

א לויף און א געפילדער,
א רעש, א רעש א ווילדער:
דער גלאק האט שוין געקלינגען,
און קינדער טאנצן, שפרינגען.
זיי ברומען,
זיי זשומען,
פארהילכען אויש די האל.
דער רוישט,
דער שטויסט,
דערווארפט זיך מיטן באל.

2

א לויף און א געפילדער,
א רעש, א רעש א ווילדער:
דער גלאק האט שוין געקלינגען,
און קינדער טאנצן, שפרינגען.
זיי הוליען,
זיך קיליען,
חי געלעבט ווארען!
דער ברויזט,
דער שטויסט,
און דער ווייזט וואס ער קען...

3

א לויף און א געפילדער,
א רעש, א רעש א ווילדער:
דער גלאק האט שוין געקלינגען,
און קינדער טאנצן, שפרינגען.
שוין פריי,
אויפ'ס ניי,
פאר'דבקה'ט אויש פון גליק!
און יאגן,
זיך טראגן
אהיים, אהיים צוריק...



## ש. גאלדענבערג

# אויף אלט־נייע וועגן

(צו דער באנעמונג פון דער „ייווא“)

ווען איך האב מיט יארן צוריק געשריבן מיין ארטיקל וועגן „דער ייווא' ארבעט אין לאנדאן“ 1), אנווייזנדיק די חסרונות אין דער ארבעט, וועלכע האבן שפעטער געבראכט צו איר אונטערגאנג, האט זיך מיר אפילו נישט געחלומט, אז עס וועט קומען א צייט און אויף מיר וועט פאלן דער גורל צו נעמען אויף זיך די איניציאטיווע פון איר ווידערגעבורט אין ענגלאנד בכלל און אין לאנדאן בפרט. אבער עס טרעפן אין לעבן אזעלכע פאלן און מענטשן ווערן געצוואונגען צו האנדלען לויט דעם אלטן כלל פון הלמוד: „קריינא דאגרתא להוי פרונקא“ (דער שרייבער פון בריוו זאל אויך ווערן איר שליח). איך האב דעריבער בדעה אנווארפן אין קורצע שטריכן א פראגראם פון „ייווא“ טעטיקייט אין ענגלאנד, באזירט אויף מיינע אלטע ערפארונגען פון דער ארבעט פון אמאל און לויט די אומשטענדן, וואס זיינען דא געשאפן געווארן, נאך דער מלחמה, היינט־צו־טאג

---

וואס דארף זיין די ארבעט פון „ייווא“ אפטיילונג אין ענגלאנד אין דער שווערער צייט, וואס דאס יידישע פאלק לעבט איבער אין דעם מאמענט?

אין דער ערשטער ריי מוז די נייע געשאפענע אפטיילונג קומען צו הילף דער צענטראלע אין ניו־יארק. די צענטראלע פארוואלטונג פון „ייווא“ האט געמוזט אפריכטן גלות; פארלאזן איר זיץ אין דער „ירושלים דליטא“ (ווילנא) און זיך איבערפעקלען קיין אמעריקא. אזא ענדערונג פון אדרעס, וואלט אפילו אין נארמאלע צייטן געווען א שווערע אויפגאבע, אבער אין מלחמה צייטן איז דאס געווען אזא שפרונג, וואס נאר א דאנק דער מסירת נפש פון אירע הויפט טוער, איז ער אריבער בשלום, אפילו נאך נישט אין גאנצן... איינס מוז אבער געזאגט ווערן: די הויפט־פארוואלטונג האט פארשטאנען די געענדערטע אומשטענדן אין דער נייער היים און אנהאלטנדיק די טראדיציע פון ווילנע האט זי שוין אין ניו־יארק גענומען גיין אויף אלט־נייע וועגן, צוציענדיק נייע מענטשן, שאפנדיק נייע מיטלען און נייע אפטיילונגען נישט נאר אין דעם אמעריקאנעם קאנטינענט, נאר אויך אין דער האלב־חרובער אייראפע.

אן אפטיילונג אין ענגלאנד, וועלכע פארשטייט „ייווא“ און וויל איר קומען צוהילף קען דא אין ענגלאנד, וואס איז אן אלטער יידישער ישוב רייך מיט מאטעריאלן וועגן דער פארגאנגענהייט, איר העלפן אויף 3 אופנים:

1—זאמלען מאטעריאלן פאר דעם „ייווא“ ארכיוו. וועגן דעם קומט אן אויפהויף אין זעלבן העפטל און איך האלט נישט פאר נייטיק דא עפעס צוגעבן.

---

1) געדרוקט אין דעם צווייטן זאמלבוך „יידיש־לאנדאן“, זייטן: 97-100

2—שאפן מיטלען פון מיטגלידער־אפצאל, אונטערנעמונגען און באשטייערונגען פאר איר גרויסער און נוצליכער פערלעגערישער טעטיקייט. 3—פארשפרייטן אירע „בלעטער“ און ערנסטע אויפגאבען צווישן דער יידיש־ענגלישער אינטעליגענץ, וואס האט, לויט מיין ערפארונג 2) א גרעסערער אינטערעס אין אזא ליטעראטור, ווי אין לייכטן לעזע־מאטעריאל...

עס איז אבער א טעות צו מיינען אז די נייע אפטיילונג אין ענגלאנד קען זיך בעגרעניצן נאר מיט הילף פאר ניו־יארק און נאר נישט אויסמין פאר דעם היגן יידישן ישוב. נישט נאר ווערט מענטשן נמאס ארבעטן פאר אימיצן אין דער ווייט, נאר עס קען פילע דא אויפגעטון ווערן אין דעם גייסט פון „ייווא“ און לויט אירע בעסטע טראדיציעס.

די ערשטע זאך און וועלכער די יידיש־רעדנדיקע אדער יידיש דענקענדיקע אינטעליגענץ נייטיק זיך היינט צו טאג איז א „צענטער“, אינגע מענטשן זאלן זיך קענען באגעגענען, זיך טיילן מיט מיינונגען, זיך בעקענען מיט די נייעסטע ביכער, וואס גייען ארויס אין דער גרויסער יידישער וועלט און געפינען אויך אונזער פרעסע אין אלע שפראכן, און וועלכע זי גייט ארויס. אזא צענטער איז א שרייענדיקע נייטווענדיקייט פאר דעם יידישן אינטעליגענץ פון די מיטעלע יארן, וואס פילט זיך גאנץ איינזאם אין דעם גרויסן ים פון מענטשן, וואס הייסט לאנדאן, און קען נישט גיין נישט אין די פערשיידענע יונגנט־פעראיינען אדער קלובן, ווייל ער איז פאר זיי שוין צו אלט, און נישט אין די בתי־מדרשים אדער שוהל־ווען פון רייך־רעליגיעזער, פארמאלער ארטאדאקסיע, פאר וועלכער ער איז נאך צו יונג...

אזעלכע צענטרען זיינען געשאפן געווארן לעצטנס נישט נאר אין דער ווייטער ארגענטינא און מיט גרויס ערפאלג, נאר אויך אין פראנקרייך און בעלגיען, און איך זע נישט איין, פאר וואס אזא צענטער קען נישט געשאפן ווערן אין לאנדאן, אויב נאר מען זאל צו דער זאך צוגיין מיט אביסל ענערגיע ליבע און פארשטענדניש פאר די לאקאלע אומשטענדן...

אבער אזא אפטיילונג קען מאכן אבעשיידענעם פערזוך אויך אויף דער פערלעגערישן געביט און פארשטייט זיך רוקא אין גייסט פון דער אלט־נייער „ייווא“.

מיין אלטער פלאן פון ארויסגעבן אגרויסן זאמל־בוך וועגן יידן אין מלחמה צייט דא אין לאנד איז נאך אלץ אין צייט. מיט דעם פלאן האט זיך דער עקזעקוטיוו פון דעם „פאראיין פון אידישע זשורנאליסטען און ליטעראטען“ ארומגעשפילט 3 יאר און איז נישט אויסגעפירט געווארן, נישט צוליב מאנגל אין מיטלען און נישט אפילו צוליב מאנגל אין לאקאלע כחות, נאר פשוט צוליב דעם, וואס יעדער איינער פון יענעם עקזעקוטיוו, צי ער איז געווען א „רעפארטער“ אדער א „סקיצן־שרייבער“ האט זיך געהאלטן פאר פעהיק צו ווערן דער רעדאקטאר און ארויסגעבער פון אזא זאמלבוך. וואס

2) זע מיין ארטיקל אין זאמלבוך „איים“: הקונה העברי וספריו" ז. 91—96.



דארף האבן א ערנסטן, פאכמענערישן כאראקטער און וויסנשאפטלעכן אינהאלט...

די בענייטע אפטיילונג פון „ייווא“ קען אבער זיך פארנעמען מיט נייע פלענער אויף דעם רייכן געביט. עס וואלט, למשל, געווען א גרויסע זאך, „א דבר בעתו“, ווען אזא אפטיילונג זאל צוטרעטן ארויסגעבן א „ספר־השנה“ פאר די יידן אין ענגלאנד אויף דעם זעלבן אופן, ווי עס גייען ארויס אזעלכע יאר־ביכער אין ארץ ישראל און אין אמעריקא. און פיליכט וועט שפעטער אויך קומען די צייט פאר א גרויסן, אומפארטייאישן, געזעלשאפטליך־ליטערארישן זשורנאל. און וועלכן די היגע כחות נויטיקן זיך אזוי שטארק...

פארשטייט זיך אז די אלע פארשלאגע זיינען נאר קורצע שטריכן פון א פראגראם, וואס דארף אויסגעארבעט ווערן אין דעטיילען פון נייעם קאמיטעט, וואס וועט אויסגעקליבן ווערן אויף דער גרינדונגס־פערזאמלונג פון דער נייער „ייווא“, וואס ווערט פארראפען ענדע דעם מאנאט. אבער איך גלויב אז אפילו דער קורצער ענטוואורף וועט געבן דעם לעזער פון די „העפטן“ די מעגליכקייטן צו איינזען, אז די נייע „ייווא“ קומט אין צייט און איז בערופן צו ווערן א פאקטאר אין היגן יידישן לעבן...

---

איך ווייס, אז פילע פון מיינע אמאליקע חברים פון דער געזעלשאפט „פריינד פון ייווא“ און אויך פילע ליטערארישע קאלעגן וועלן זיך בעציען סקעפטיש צו דער גאנצער זאך. זיי האבן אפשר דאס רעכט דערצו, ווייל דאס יידישע לאנדאן האט שוין געזען דעם געבורט און טויט פון פילע פלענער און אונטערנעמונגען, אויף וועלכע מען האט געלייגט גרויסע האפנונגען ווי: „איקוף“, די „קולטור־קאמיסיע“, דער „בית־עם“ און אזוי ווייטער.

פארשטייט זיך, אז איך ווייס דאס גלייך מיט זיי און בין אפשר דער יעניקער, וואס האט נישט נאר פאראויסגעזאגט זייער חורבן, נאר וואס האט פיל געליטן פון זייער דורכפאל... אויב אבער איך בין בערייט נעמען אויף זיך די איניציאטיוו איז דאס דערפאר, ווייל איך געדענק שטענדיק די טיפע ווארנונג פון אחד־העם, ווען ער האט כאראקטעריזירט די יידישע געזעלשאפטלעכקייט מיט די טראגישע ווערטער: „נכנסים בקולי קולות ויוצאים בחשאי“ („מען גייט אריין מיט גרויס געפילדער און מען גייט ארויס שטילערהייד“). און איך האב בדעה — אויב מיר וועט געגעבן ווערן די מעגליכקייט — אנפירן די ארבעט פון אנפאנג גאנץ שטיל, גאנץ קליין, אן שרייענדע אפישן און אן בעצאלטע שטעלעס פאר די זוכער פון גרינגע פארדינסטן, און ווען, אז זי זאל זיך שטופנווייז ענטוויקלען צו עפעס גרעסערעם און בעסערעם פון דעם, וואס מיר האבן דא היינטצוטאג, צום כבוד פון דער „ייווא“ און צום קרעדיט פון יידיש־ענגלישן יידנטום, וואס איז רייך אין נישט־אויסגענוצטע, נישט ארגאניזירטע כחות אויף אלע געביטן פון אונזער געזעלשאפטליכן לעבן...

# סאלאמאן י. סאלאמאן און לילי דעליסא יאסעף

(צו זייער אויסשטעלונג אין בן־אורי־גאלעריע)

I

סאלאמאן י. סאלאמאן, דער שטאלץ פונם, אזוי צוזאגן, קונסט־ליבהאבענדיקן ענגליש בירגערלעכן יידנטום, דער יידישער קעניגליך אקאדעמיקער, דער אנגעזעענער און בארימטער צווישן ענגלישע קינסטלער און וועמענס בילדער, — יידיש־היסטארישע דעקאראטיווע מאלערייען און כל־ערליי פארטרעטן פון יידישע פערזענליכקייטן און פאמיליע־בילדער, — הענגען אין אלע גרעסטע ענגלישע גאלעריען, געהער אן שום ספק, נישט נאר צו דער געשיכטע פון דער יידישער מאלעריי, נאר ווי איינער פון אירע קלאסיקער, פון אירע מייסטער. און אפשר פאסט קיינעם נישט דאס „מייסטער" אין בוכשטעבליכן זין פון ווארט אזוי ווי אים, ווען אפילו ווי א קינסטלער איז ער בעיקר אן אקאדעמיקער, א קלאסיציסט.

סאלאמאן י. סאלאמאן געבוירן און דערצויגן צווישן יענע האלב פרומע האלב רעפאמירטע משפחות, וואס יידישקייט מיינט רעליגיע, און דאס קולטורעלע און גייסטיק קינסטלערישע — אייראפעאישע קולטור! און דאס גאנצע לעבן, — מחוץ די דלת אמות פון דער סינאגאגע, — זוכט מען רק בסדר אויפצונעמען דאס „פארנעמערע" און „פיינערע" דאס קולטורעלע — מ'זוכט אויפצונעמען און אויפגענומען צו ווערן! — און מ'פארלירט דאס אריגינעלע דאס אייגענע, דאס ספעציפישע, און מ'פארלירט דאס פינטעלע „איך" צוזאמען מיטן פינטעלע „ייד".

באמת, די דאזיקע מערב־אייראפעאישע האלב אסימילירטע יידישע משפחות, די בעסערע און יידישערע פון זיי, ווען זיי שפירן אינערלעך זייער גייסטלעך גייסטיקע טראגעדיע, דעם שפאלט אין זייער פסיכישן־און־נשמה־לעבן, בלייבט זייער איינציקער אויסוועג קאמפעטיש פארגלעטן אים. וואס מער פארבינגלען אים — זאל מען די אויסגעריבענע קניען אין די אפגעטראגענע הויזן נישט זען, זאל מען די אלט־ווערנדיקע פנים־פאלטן נישט באמערקן. אבער אין אזעלכע פארנעמע געזיכט־שטריכן פארשווינדט נאטירלעך, דער צלם אלקים, די טיפע געפאלדעוועטע תלמיד חכם שטערנס ווערן אויסגעמעקט צוזאמען מיטן הדרת פנים. און אזעלכע צוגעבינדלטע הויזן וועלן שוין קיינמאל נישט האבן מער דאס מאיעסטעטישע פון א רעמבראנדישן בעטלער־קלייד.

עס איז אן שום ספק, אז דער יונגער סאלאמאן י. סאלאמאן האט מיט זיך מיטגעברענגט דאס, וואס א קינסטלער מוז האבן פון וועלכן מען דערווארט עפעס גרויסעס און ער דערגרייכט עס אויך. די ליבלעכקייט און עכטע יידישע סענטימענטאלקייט פון זיין מיטער־פארטרעט און זיינע פיין־דערפילטע צייכענונגען זיינען די בעסטע עדות פון זיין סוביעקטיווקייט און אינטימע אינערלעכקייט.





די משפחה (טעט גאלערי) סאלאמאן י. סאלאמאן

אבער מיט יעטווידן שריט זיינעם צום בארימטן מייסטער, צום דערגרייכן פון זיינע אספיראציעס, ווערט ער אלץ מער דאס, וואס ער האט געלערנט און פון וועמען ער האט געלערנט — מיטן דערגרייכן זיין אספיראציע פארלירט ער זיין אינספיראציע! דער מייסטער, דער קענער פארדעקט דאס אריגינעלע, דאס פערזענלעכע. זיכער בלייבט ער דער קינסטלער פון צערעמאניאלער קאמפאזיציע און פון פארבן ווארעמקייט און דאס דעקאראטיווישע האט מסתמא א שייכות דערצו. אבער אט שיינט דאס רובענסישע פלייש ארויס פון זיין בארימטן פאמיליען בילד אין דער טעט־גאלערי! און דאס מיידעלע אויף דער האנט, אין אט דעם וועלכן בילד, איז עס נישט א וואן דייקיש פרינצל? און דאס מייסטערלעכע געמאלענע וויידנס, איז עס נישט עכטע האלענדישע קוואליטעט? און פון דעם פארטרעט קוקט נישט ארויס וואלאסקעס און פון יענעם ריינאלדס? מ'מוז שוין זיין א געשולטער פאכמאן, א ספעציעלער קונסט קענער צו „טרעפן", אז דאס און דאס בילד איז געמאלן פון סאלאמאן י. סאלאמאן. און אפשר זיינען טאקע דאס זיינע יידישע סמנים אזוי זיך צו קענען איינלעבן אין אנדערע און אזוי אויפצונעמען צור־

זאמען מיט ווארעמען סענטימענטאלן און דעקאראטיוון וואס ער האט אין רוב פון זיינע בילדער.

ווי געוואגט איז דאס א שיטה, די שיטה פונם אסימילירטן ייד; דער „ונהיה בכל הגוים" ביים יידישן קינסטלער איז טיציאן און טינטארעטא און רובענס און וועלאסקעס א.א. און אזוי ווי סאלאמאן י. סאלאמאן האט געלעבט אין דער גרויסער עפאכע פונם אימפרעסיאניזם איז אויך אין זיינע מאנכע בילדער, אויך פון דעם צו זען.

סאלאמאן י. סאלאמאן האט אן שום ספק דערגרייכט גרויסע מייסטערשאפט און קענען אין דער מאלעריי, און דער יידיש־ענגלישער קרייז, דער אזוי צוזאגן, יהודימשער האלב־אסימילירטער קאן באמת זיין שטאלץ אויף אים — ווי האבן אויף עפעס א יפצוויין! אויף קולטורעלע קינסטלערישע דערגרייכונגען אין זייער שיטה!! און צווישן די אנגעזעענע גרויסע מערב־אייראפעאישע יידישע מאלער, צווישן די מייסטער, ווי איזראעלס, פיסארא, ליבערמאן, האט אויך דאס ענגלישע יידנטום אים א זון צו פארצייכענען אין דער קונסט געשיכטע, און ווען נישט מיט גאלדענע אותיות, מיט זילבערנע זיכער — ווען נישט מיט קלאסישע איז כמעט מיט קלאסיציסטישע.

II

לילי דעלישא יאפע די לייבלעכע שוועסטער פון סאלאמאן י. סאלאמאן איז אבסאלוט נישט דאס נעגענזעצלעכע פון איר ברודער. כאטש איר מאלעריי איז גאנץ אנדערש ווי זיינע; זי איז נאר געבליבן דאס וואס זי איז! און ממילא ווען זי מאלט א יידישע טעמא איז זי גאנץ יידישלעך דערפילט, אטמאספעריש און שטימונגס־מעסיק. און איר סטיל, איר שולע איז אויך איינהייטלעך אימפרעסיאניסטיש, ווייל זי איז דאך א קינד פון איר צייט.

פרימיטיוו אין קאמפאזיציע — אפשר בכלל קיין קאמפאזיציע! אט שניידט זי אפ יש א שטיק פונם לעבן און ס'איז א „שטיל־לעבן"; שטיל און לעבעדיק. נישט אויפגעצוואונגען און נישט צוגעלעגט בכדי צו פארגלעטן דאס געצוואונגענע. שפארזאם אין פארבן; א צוויי דריי פארבן, כמעט שווארץ ווייס; דאס חפץ מיט זיין שאטן, א גוף מיט א נשמה! ווארים מער איז דאך נישט א בריה, א לעבעדיק געשאפענער. און ווער ווייסט אפילו צי איר צייכענען איז לויט אלע דינים! אבער מיט איר עקסצענטרישקייט געלינגט עס איר צו קאנצענטרירן איר נשמה. און ווייל זי איז געבליבן אריגינעל, זי אליין, און געטריי צו זיך ווי א קינסטלערישע פערזענלעכקייט, איז זי, מיט אירע יידישע טעמעס די יידישסטע מאלערין וואס מערב־אייראפע האט ארויסגעגעבן.

אין איר גיינסבערו־בילד פון דעווערענד זינגער לייכט איר מיידלישער אידעאל ארויס פון זיינע גייסטלעכע אויגן — דערפאר איז עס איר געלונגען צו פארגייסטלעכן א יידישן ראביי. די שווערע שווארצע און פרעמדע רעוו־





די דעכער פון היי־האלבארן (טעט גאלעריי) לילא דעליסא יאפע

רענדישע בגדים פארהוישן נישט דאס היימישע נר תמיד־פעיערל אין זיינע אויגן; ווייל זי האט איר אייגן פייער, נעטלעך באהיטנס, דערין ארייננעליינט — נישט קיין אש זרה!

און ווי האט אויפגעלויכטן איר ווייבלעכקייט מאלנדיק אזוי קאלאסאל די „דעכער פון היי האלבארן" —— איז נישט יעטווידעס פענסטער פון די געביידעס ווי אן אויסגעטאגט טישטוך־צערעלע, פול מיט ווייבלעכע קאנצענטרירטקייט; און ווי פאראלעל מיט געשטרעקטע קוימנס וואקסן דאס איבער די ווענט די נאטישע בלומען! דריי פיר פארבן, נישט שרייענדיקע, ליבלעך געשטילט ווי זי וואלט די שווערקייט פון די שטאט געשטילט ביי איר הארץ.

זיכער איז זי פראנצייזיש באאיינפלוסט, אבער זי זוכט עס נישט, עס איז נישט ביי איר קיין שיטה — עס איז די צייט אין וועלכער זי לעבט און שאפט! די גרויסע אימפרעסיאניסטישע צייט!! און ווי משפחהדיק איז זי אין אירע לאנדשאפטן דווקא מיטן ייד פיסארא — —

לילא דעלישא יאפע איז נישט קיין מייסטערין, אבער דערפאר איז

זי געבליבן אַן אָריגינעלע שעפערישע קינסטלערין, מיט אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייט. און ווייל זי איז געבליבן זי, ווייל זי האָט באַהאַלטן איר „איך", איר כאַראַקטער, געהער זי צו די יידישסטע פון די מערב אייראָפּעאישע קינסטלער.

יוסף איזראעלס „סופר" איז נישט מער יידישער ווי איר זעלבסט־פּאָרטרעט! דער רעמבראַנדישער שמעלץ אינם שלייער, דער יידישער שמערץ אין די אויגן, מיט די ליכטיקע פינטעלעך פון די געצינדענע צוויי ליכט אין די צעשפּרייטע צוויי הענט,—צוזאַמען מיט דעם ביסעלע ראָזע־שמינק פון אירע פאַרשנירטע ליפּלעך,—רעפלעקטירן איבערן גאַנצן בילד און מאַכן עס מיט דעם שוואַרצן אונטערגרונד צו איין טיפער איינהייטלעכקייט; ווי אַ טונקל־באַלויכטענע ראָזע בין־השמשות הימל, איז עס. וועלכער רעפלעקטירט מיסטעריעז פון די לעצטע שטראַלן וואָס זיינען געבליבן באַהאַלטענע אין אים.

דאָס זעלבסט־פּאָרטרעט פון לילי דעלישאַ יאַפע געהער נישט צו יענער ראָמאַנטישער שבת־אינטעריערס פונם אַנהויב פונם פאַריקן יאָרהונדערט, פונם יידישן קלאַסיציזם — ס'איז טיפע דערלעבעניש פון אַ יידישער פרוי; ס'איז הייליק געבעט פון שרה בת טובים. סוביעקטיווע שטימונג וואָס ווירקט אַטמאָספעריש ווייל ס'איז קונסט — יידישע קונסט.

און דאָס איז מסתּמא אויך נישט קיין צופאַל וואָס דאָס זעלבסט־פּאָרטרעט איז איר אַזוי געלונגען, ווייל זי ווירקט דאָ ווי אַ מין שליח ציבור, — ווי רעמבראַנד אין זיין מאָנומענטאַלע זעלבסט־פּאָרטרעטן! — זי האָט אין זיך כולל געווען די ענגליש־יידישע פרוי בכלל, וואָס די שבת־ליכט זיינען נאָך די לעצטע שטראַלן וואָס באַגלייטן און באַשיינען זיי אין זייער פאַרנעפּלטן יידישן תשבות דאָ.

* * *

די צוויי אַנגעזעענע יידיש־ענגלישע קינסטלער סאָלאָמאָן י. סאָלאָמאָן און לילי דעליסאַ יאַפע זייער פערשידענע לעבנס־וועג האָט זיי געפירט יעדן אויף זיין אייגענעם דרך פון ענטוויקלונג אין די קאָנקורענצלאָזיקייט צווישן זיי. דאָס געגנזעצטע צווישן זיי איז געווען די לייבלעכע פריינטשאַפט און פאַרערונג צווישן די שוועסטער און ברידער. זיין אויסערלעכקייט, זיין „דזשענטלמענישקייט", זיין באַרימטקייט, זיין מישובדיקייט האָט געפירט צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ — צו זיין מייסטערלעכקייט! און איר ווייבלעכער עקסצענטרישקייט, איר נישט מעטאָדישקייט האָט זי שעפעריש־קאָנצענטרירט.

**א.נ.ש.**



י. דאָברושין

# יאָשע זעלדין

(פון דער סעריע „שרייבער־שלאַכטלייט")

„...אונדזער משפחה" — אַזוי האָט דער דיכטער יאָשע זעלדין אָנגערופן דאָס סצענישע בילד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צוזאַמען מיט ש. גאָלדינערן אין די ערשטע טעג פון דער פאַטערלענדישער מלחמה. די זאַמלונג „פאַרן היימלאַנד, אין שלאַכטן", אין וועלכער דאָס בילד האָט זיך געדרוקט, איז געווען דער פּאַטריאָטישער רוף פון דער מאָסקווער ליטעראַרישער משפחה, דער רוף פון די מאָסק־סאָוועטישע יידישע שרייבער, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי — יאָשע זעלדין בתוכם — זיינען פרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט אין שלאַכט פאַרן היימלאַנד.

מיט די ווערטער „אַלע, אַלע אין שלאַכט קעגן דער פאַשיסטישער חיה! אַלע ביז איינעם!" האָט דער דיכטער יאָשע זעלדין פאַרענדיקט זיין פּאָעטישע אַרבעט. גענומען די ביקס און איז אַוועק „דערשטיקן די חיה, וואָס וויל צעטרעטן אונדזער היים, אַנטאָן אויף אונדזערע פּלייצעס די געלע לאַטע פון קנעכטן" — ווי עס דערקלערט איינער פון דער „משפחה" באַ זעלדין אין זיין לעצטן איינאַקטער. דאָס איז אין תוך געווען די דערקלערונג פון אים אַליין. דער ווילנער יאָשע זעלדין איז אין עלטער פון 18 יאָר געוואָרן אַ קאָמוניסט, אין דער צייט פון בירגערקריג איז ער צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי אַוועק פון ווילנע, אין 1923 טרעפן מיר אים שוין אין רויטן ים־פלאָט, וואו ער האָט פיר יאָר געדינט אַלס מאַטראָס. זיינע ערשטע לידער — געווידמעט דער טעמע פון פלאָט, געדרוקט אין 1925 יאָר אין מאָסקווער קאָמונישן זשורנאַל „יונג וואַלד" — זיינען געווען די ערשטע פלאָט־לידער אין דער יידישער דיכטונג. אין זיי האָט דער יונגער באַגאַבטער זעלדיג אַרויסגעוויזן זיין קעמפערישן טעמפּעראַמענט, זיין מיען זיך צו מענטשלעכער קראַפט, זיין איינגעליבטקייט אין מאַט. דאָס האָט אים איינגיכן געבראַכט צו זיין שיינער און שטאַרקער פּאָעמע „די בוינע", וואו ער שילדערט בוינע־אַרבעטער, געוועזענע פּויערים פון דאָרף, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געבראַכט אין שטאָט זייער ניט געצוימטן אימפּעט, אומבאַוואוסטזיניקע סטיכישע אורקראַפט פון נאַטור־מענטש, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי אָרגאַניזירט.

אינטערעסאַנט איז „די בוינע" אויך מיט אירע רוסישע אינטאָנאַציעס אין יידיש. דער דיכטער קושנירעוו איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין זיין ליד „ראָסיאַ" פּראָבירט די דאָזיקע ביידע שפּראַכן, אַריינפירנדיק אין זיין דיכטונג דעם סטיל פון דער רוסישער „בילינע". זעלדינען איז געלונגען ברייטער אויסצונוצן אין יידיש דעם שפּראַכן־גאַנג פונעם רוסישן פאָלקס־עפּאָס:

— ברויט און זאַלץ און פאַרגעניגן אייך געערטע מיינע לאַנדסלייט,
האָט זי גאַסטפריינטלעך און האַרציק אירע פריינטלעכע באַגעגנט,
און מיט זינגענדיקע גלידער און מיט אויגן פייכט־צעגלאַנצטע

זי פארפירט צו זיך אין צימער אירע פריינטעלעך די שלעגער —

אזוי דערציילט זעלדין וועגן אליאנען. דער צענטראלער פיגור פון זיין פאעמע, ביינע שלעגער, אקסצענטרייבער און שינדער, מיט זייערע פרויען, מיט זייער סביבה און לעבנסשטייגער באקומען בלוט און פלייש דורך זעלדינס פלאסטישער און קינסטלערישער שילדערונג אינעם ריטם און אין דער מעלאדיע פון ווארט און פונעם דיאלאג. אין אט דער פאעמע האט זעלדין גענומען אריינפירן אויך די „טשאסטושקע", די רוסישע פארם פון „גראמען", וואס האט אים שפעטער שטארק געדינט אין זיין שאפונג פאר דער טעאטראלער קליינער פארם. מיט דער הילף פון דער „טשאסטושקע" איז זעלדינען געלונגען צו געבן קאלאריט פון צייט — צייט פון אויפגעברויזטע יארן באלד נאך דעם בירגער־קריג.

מאמע, מאמעלע, איך פריר,
לויף און קויף א רויטן טיכל,
און א מאן א דויטארמייער,
וואס קען לייענען א ביכל,
וואס קען לייענען א ביכל
און קען רייטן אויף א טאנק
מיט אזא צו לעבן איז זיכער,
און מאכט רייכער דעם געדאנק.

ניט אומזיסט האט זעלדינען דערמלט א צי געטאן איבערזעצן אין יידיש די ליד פון אפאנאנסן — די באוואוסטע רוסישע פאעמע פון עדוארדן באגריצקי. אין אט דער שיינער ראמאנטישער פאעמע האט באגריצקי באוויזן דעם ביטערן בלוטיקן געראנגל פון די רעוואלייציאנער־ארגאניזירטע קרעפטן קעגן די אנארכיסטיש־בונטארישע עלעמענטן, וואס זיינען געווען באווירקט פון בעל־גופישע באנדעס. זעלדין האט געפונען פארב און פלאסטיש ווארט פאר דער איבערזעצונג פון די פארשיידענע שפראך־שטראמען אין באגריצקיס ווערק. ער האט געפונען מיטלען איבערצוגעבן באגריצקיס לעגענדאריזירונג פון דער שטורעם עפאכע:

בלויער רגעסטער שרייט און שלאגט זיך
אין די בלויע ברעגן,
פון קאטאווסקעס קבר טראגט זיך
רום אויף גארער געגנט.
אויף די סטעפעס, אין די ריינע,
ניט קיין באנדעס פארן,
איבער ווייס־צעגליטעביינער
בליט שוין יונגער קארן.

דער אימפעטפולער זעלדין איז א צייט לאנג געווען פארכאפט מיטן שירע פון די בירגער־קריג־יארן און ס'איז אים לכתחלה שווער געווען באהעפטן זיך מיט די פרידלעכע געזעלשאפטלעכע פראצעסן פונעם אויפבוי־



פעריאד. זיין דערנענטערונג צו די דאזיקע פראצעסן האט ער דערפאר שפעטער אויסגעדריקט אין איינער א ליד, וואס האט אויף א פאראלעמיינערטן אויפן אפגעצייכנט דעם איבערגאנג צום סאציאליסטישן לעבנס־אויפבוי און האט אין איר צייט א הילך געטאן מיט באזונדערער פרישקייט און איבערצייגעווודיקייט.

„א שליסל צו דער טיר" — אזוי האט זעלדין אנגערופן די דאזיקע לידער וואו ער דערציילט וועגן זיינע פריידיקע איבערלעבונגען, בשעת דער זאוואד, אויף וועלכן ער ארבעט, האט אים געגעבן א וואוינונג, וואס איז אי זיינע, אי אלעמענס, און דעריבער באהעפט זי זיין יחידיש גליק מיטן גליק פונעם קאלעקטיוו.

דער ארגאניזירונג פונעם נייעם סאציאליסטישן זעלבסטגעפיל האט זעלדין געווידמעט אויך זיינע קלוב־פיעסן, א ז'שאנר פאר עסטראדע, וועלכע זעלדין האט אפגעגעבן פיל הארץ און נשמה. זעלדינס גרעסערע פיעסן „צעמקע די טעכניקע" און „דריי פענצטער" צייכענען זיך אויס מיט זייער טעמפעראמענטפילן דיאלאג, מיט די ארויסגעפירטע יונגט־געשטאלטן, וואס זיינען פול מיט דראנג און דורשט צום לעבן, צו וויסן, צו אויסבילדן אין זיך דאס נייע זעלבסטבאוואוסטזיין, דעם נייעם גייסט פונעם סאוועטישן מענטש דעם בויער.

זעלדין שילדערט אין זיינע איינאקטערס און סקעטשן דעם נייעם לעבנסשטייגער אויפן זאוואד, אויף די קאלווירטישע פעלדער. דארט זיינען אט די פיעסן זיינע אויסגעוואקסן און דארט זיינען אייסגעפירט געווארן. „די געלונגענע אפעראציע" — אן איינאקטער, וואס זעלדין האט געשריבן צוזאמען מיטן דיכטער א. קושניר איז געשטעלט געווארן אין אלע יידישע קלובן פונעם לאנד און אין פיל יידישע קאלווירטן.

די קרימער יידישע קאלווירטניקעס, א שטיינער, האבן אלע געקאנט דעם דאזיקן מאסקווער דיכטער, וואס פלעגט קומען צו זיי, גאנצענע טעג געמען אפטון אין דער פעלד־ארבעט און אין די אוונטן לייענען זיינע טרעפלעך אקטועלע סקעטשן, ליטמאנטאזשן, מאנאלאגן, פארטראגן און גראמען, זינג־און שפיל־ליד וואס זיינען דא גופא, הינט בא דער ארבעט, געשאפן געווארן. אין זעלדינס פיל וישאנעררדיקער קליינקונסט פילט זיך דעריבער דער הייסער אטעם פון א דיכטער און אנטיילנעמער, מיט געזונט און היים בלוט ברויזן זיינע סצעניסטע שאפונג:

ס'וואלט זיך איבעט ווינטשן פאלן
בא פאפאווער לאנע.
אזוי מוטיק, ווי געפאלן
דארט איז יוסף קאגאן!

אזוי קלינגען אין זעלדינס איבערזעצינגען די לעצטע עפילאג־שורות פון באגריצקיס פאעמע דעם דאזיקן העלדישן טויט פונעם פאעטיזירטן יוסף קאגאן האט דער דיכטער יאשע זעלדין אוועקגעטראגן מיט זיך. ווען ער איז אוועק אין שלאכט קעגן די פאשיסטישע שונאים פונעם סאוועטישן היימלאנד,

## קאמיל י. האניג

# ביי יידן און ביי גאנדין אין אינדיע

(נאָטיצן פון אַ רייזע־טאָגבוך)

איך בין נאָרוואָס צוריקגעקומען פון אינדיע, וואו אַלס ספּעציעלער דעלעגאַט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס מיט מר. ס. ס. סילווערמאַן, מ.פּ., איך האָב געהאַט דעם כבוד צו פאַרטרעטן די בריטישע סעקציע פון וועלט־קאָנגרעס.

פון הונדערטער פריינט און באַקאַנטע און גלאַט אַזוי מענטשן, וואָס האָבן געהערט אַז אַ יידישער שרייבער האָט באַזוכט אַזעלכע ווייטע און עקזאָטישע לענדער ווי אינדיע — בין איך באַוואָרפן געוואָרן מיט פראַגעס: אינדיע? וואָס הייסט עפּעס. אַ ייד פאָרט גאָר קיין אינדיע און דערציילט גאָרנישט. ווי אַזוי לעבט זיך עפּעס יידן אין אינדיע? וויפל יידן האָבן זיך געראַטעוועט אין אינדיע? ווי אַזוי פילן זיי זיך דאָרט? איז עפּעס פאַרהאַן יידישקייט דאָרט? ווי אַזוי האָבן זיי אויפגענומען די יידישע טראַגעדיע אין אייראָפּע? אַזעלכע און הונדערטער ענלעכע פראַגן ווערן געשטעלט אַ מענטשן, וואָס קומט נאָרוואָס פון אינדיע — שוין אָפּגערעדט פון די פראַגן בנוגע אינדיע גופא — וואָס שטייט איצטער אויף דער שוועל פון אַ נייער עפּאָכע אין איר אַלטער און שווערער געשיכטע.

איך וועל דעריבער פּרובירן געבן אַ פּאָר בלעטלעך פון מיינע רייזע־נאָטיצן, וואָס וועלן אפשר ענטפערן אַ פּאָר, זיכער נישט אַלע, פראַגן.

* * * *

איך בין אָנגעקומען אין אַן אומרואיקער צייט אין אינדיע. אַן אויפשטאַנד, אַ קוואַזי־רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן צעפלאַמען אין פעברואַר 1946 ווען איך בין אָנגעקומען אין קאַראַטשי מיטן עראָפּלאַן. אין קאַראַטשי גופא זיינען פאָרגעקומען בלוטיקע אומרוען, מיט אַ סך געהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

אַ פריינט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער האָט מיך אַרומגעפירט איבער קאַראַטשי, אַ אינדישער ייד, אַ תושב, ברוין ווי אַן אינדיער (איינער פון די שוואַרצע יידן, די בני ישראל) האָט מיך געראָטן אויסצומיידן די אומרואיקע אינדישע קוואַרטאַלן, ווייל ס'איז „נישט געזונט" אַלס ווייסער אייראָפּעער זיך צו באַווייזן אין די גאַסן. איך מוז זיך מודה זיין, אַז מיר איז די זאַך געפעלן געוואָרן; צום ערשטן מאָל האָב איך נישט געדאַרפט מורא האָבן וואָס איך בין אַ ייד — נאָר זיך שעמען, וואָס איך בין אַן אייראָפּעער... (כאָטש אַ געפיל פון חרפה וואָס איך געהער צו אייראָפּע האָט מיך נישט צום ערשטן מאָל אַרומגעכאַפּט).

ווייניק יידן וואוינען אין קאַראַטשי, די הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ סינד. סינד איז ס'רוב מוסולמעניש, אַ 85 פּראָצענט, גלויב איך, מאַכמעדאַנער, און נאַטירלעך וואו עס זיינען פאַרהאַן נאָכפאָלגער פון דזשינאַ (דער „פירער" פון דער מוסולמענישער ליגע) איז פאַרהאַן אַנטיסעמיטיזם. כאָטש דאָס וואָרט „אַנטיסעמיטיזם" קלינגט אַזוי אויסטערליש ווען מען רעדט וועגן יידן־האַס ביי אַראַביש־אינדישע פעלקער.



* * * *

אין באָמביי, די וויכטיקסטע און גרעסטע שטאָט אין אינדיע, לעבט דער גרעסטער טייל יידן, איבער צען טויזנט. באָמביי האָט אויך דאָס יידישסטע יידישע לעבן. ערשטנס איז דער יידישער ישוב דאָרט מער צוזאַמענגעבונדן; און דער קאָלאָסאַלער אונטערשייד צווישן „ווייסע" און „שוואַרצע" יידן איז נישט אַזוי גרויס.

דאָ אין באָמביי איז פאַרהאַן אַ יידישער „באָאַרד" און יידישער „רעליף אַסאָסיאיישן", וואו יידן פון מזרח און מערב אַרבעטן צוזאַמען. ס'רוב ווערט אָבער די אַרבעט אָנגעפירט פון אייראָפּעאישע פליכטלינגע, ס'רוב פון דייטש־לאַנד און פוילן.

כאָטש אַ געוויסע צאָל פון די פליטים האָבן ענערגיש זיך אַריינגעוואָרפן אין די שווערע באַדינגונגען פון אינדישן לעבן און אין די נישט קלענערע שוועריקייטן, פאַר אונזערס אַ מענטשן, פון דעם אינדישן קלימאַט, מיט די אומגעהויער שרעקלעכער היץ און דעם טראָפּישן מאָנסון, איז פאַרהאַן דאָרט אַ גרויס פליטים־פּראָבלעם.

אַ סך יידן גייט עס גוט (נישט רעכנענדיק די פּאָר יידישע מיליאָנערן ווי די סאַסונס און עזרהס), זיי האָבן אַריינגעבראַכט נייע אינדוסטריען און „געמאַכט גוט". יידישע דאָקטוירים האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט — אָבער מיט דעם מאָרגן איז מען נישט זיכער.

פאַרשטייט זיך אַז אַ דעלעגאַט וואָס קומט פון אַזאַ מהלך אין נאָמען פון יידישן וועלט־קאָנגרעס איז אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס.

שטעלט זיך אַרויס, אַז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס איז אַזוי נייטיק אין אינדיע ווי אומעטום וואו יידן לעבן. אָט האָבן מיר באַלד זיך אָנגעשטויסן אָן פּראָבלעמען וואָס קאָנען בשום אופן נישט ווערן אונטערגענומען דורך לאָקאַלע קרעפטן. למשל; מיר האָבן זיך דערוואוסט פון אַ טראַגישער זאַך. 58 יידישע פליטים, פרויען און קינדער, זיצן שוין כמעט זעקס יאָר אין אַ לאַגער. אַ יאָר זינט די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און דער אינדישער קאָמיטעט פאַר די פליכטלינגע האָט גאָרנישט געקאָנט טון כדי זיי צו באַפרייען (כאָטש אַנדערע אינטערנירטע און פיל נאַציס זיינען יאָ געוואָרן באַפרייט).

מיר האָבן דעריבער גלייך, אין נאָמען פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, זיך געוואָנדן צו דער רעגירונג און מר. סילווערמאַן און איך זיינען געפאָרן (ריכטיקער געפלויגן) קיין דעלהי און געהאַט אַן אינטערוויו מיטן פאָרטרעטער פון דער רעגירונג, וועלכער האָט אונז צוגעזאָגט צו רעווידירן די פאַלן פון אַלע אינטערנירטע און אונז אויך געגעבן אַ צוזאָג, אַז ווען זיי וועלן ווערן באַפרייט וועלן די אינטערנירטע יידן נישט ווערן צוריקגעשיקט אין די לענדער פון וואַנען זיי האָבן זיך געראַטעוועט.

איידער מיר זיינען געגאַנגען צו דער רעגירונג און געמאַכט אַן אָפיציעלן פּראָטעסט האָבן מיר נאַטירלעך פריער באַזוכט די „לאַגערן". למען האמת מוז איך זאָגן, אַז דער לאַגער אין פּוראַנדאַר, אין די בערג נעבן פּונאַ, איז נישט

צו פאַרגלײַכן מיט אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע לאַגער. די באַהאַנדלונג, דאָס עסן, די וואוינונגען זײַנען אויסגעצייכנט; דער קלימאַט איז גוט און געזונט. ס'איז אָבער פאָרט אַ פּאַראַל־לאַגער, אַ תּפיסה אין אַ פּאַלאַץ בלײַבט אַלץ אַ תּפיסה. 6—5 יאָר זײַנען דאָרט אומשולדיקע ייִדן (אַ סך פון זיי האָבן פאַרלוירן זייערע נאָענטסטע אין די נאַצישע הריגות) געזעסן אין אײַנזאַמקייט, אָפּגעשניטן פון דער וועלט, צווישן בערג און אין אינדיע — באַשולדיקט אַלס פּאָטענציעלע נאַצים... ווי טראַגיש איז אַזאַ איראָניע פון גורל!

* * * *

אַ דאַנק די באַמיאונגען פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך גלײַך געוואָנדן צום אינדיע־אָפיס אין ווייטהאָל, זײַנען שוין אַ רייע באַפרייט געוואָרן און מיר האָפן אַז בקרוב וועלן אַלע זײַן אויף דער פרײַ.

* * * *

אַנ'אַנדערע ייִדישע טראַגעדיע האָבן מיר געטראָפן אין אינדיע. אין באָמביי זײַנען דאָ 250 ייִדן, וואָס זײַנען נאַרוואָס אַנטלאָפן פון אַפגאַניסטאַן, וואו ייִדן לעבן שוין זייט אַ טויזנט יאָר. און וואו דער אַנטיסעמיטיזם איז איצטער דאָרט געפערלעך.

איך האָב גערעדט מיט די פּליטים — די אומגליקלעכסטע צווישן די אומגליקלעכע אין נאַקעט און באָרוועס. זיי רעדן נישט קיין ייִדיש אָדער ענגליש. האָבן מיר גערעדט אין העברעאיש. אַ פײַנער טיפּ פון ייִד, זייער פאַרשפּרעכער, אַ ייִד אַ בן תּורה, האָט מיר מיט טרערן דערציילט וועגן דער שוידערלעכער לאַגע פון די ייִדן אין אַפגאַניסטאַן. מען איז נישט זיכער מיטן לעבן. פון פּרנסה איז שוין אָפּגערעדט.

דאָס איז די ירושה פון היטלעריזם. אפילו אין ווייטן אַפגאַניסטאַן, אין פּערסיע, אין איראַק, איז דער סם המוות אַרײַנגעדרונגען.

אויך דאָ אין דעם ברענענדיקן פּראָבלעם פון די אַפגאַנישע ייִדן האָט דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס אונטערגענומען צו מאַכן גלײַכצײַטיק רעפּרעזענטאַנצן אין לאָנדאָן און אין וואַשינגטאָן דורך די רעגירונגען צו דער אַפגאַנישער רעגירונג — וואָס האָט זיכער דעם קאָפּ פאַרלוירן. און מיינט, אַז ייִדן זײַנען שוין איצטער טאַקע הפקר...

דערווײַל לעבן די ייִדן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט מיט זייערע קינדער און מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען. אַ קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט צו העלפן די אומגליקלעכע. אָבער אָרעמקייט און נויט אין אינדיע, איז קיין נײַעס נישט, און די דאָזיקע פאַר הונדערט ייִדן דאַרפן הילף פון אויסלאַנד.

דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס מוז, מיין איך, אונטערנעמען אַנ'אַקציע פאַר זיי.

דאָס באַווײַזט באַשײַנפּערלעך ווי פּאָליטישע אַקציעס מוזן גיין האַנט אין האַנט מיט רעליף־אַקציעס. און נאָך עפּעס: די דאָזיקע אומגליקלעכע ציטערן אַז די אינדישע רעגירונג זאָל זיי חלילה נישט צוריקשיקן קיין אַפגאַניסטאַן. די



ייִדן דראָען, אַז זיי וועלן זיך גיכער אַרונטערוואַרפן אונטערן באַן, ווי צוריקגעשלעפּט ווערן קיין אַפגאַניסטאַן.

* * * *

אין קאַלקאַטאַ, וואו עס לעבן ווייניקער ייִדן, ס'רוב די בני ישראל און די באַגדאַדער ייִדן, ווי אין באָמביי, איז דער אַפּיל פאַרן ייִדישן וועלט־קאָנגרעס זייער וואַרעם באַגריסט און אונטערשטיצט געוואָרן.

מיר זײַנען אַרויסגעטרעטן אויף פאַרשיידענע מיטינגען און ייִדן זײַנען געקומען הערן וואָס ס'טוט זיך אין דער ייִדישער וועלט נאָך דעם בלוטיקן מבול אין אייראָפּע, און וואָס דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס טוט און וועגן די האַפענונגען אין ארץ־ישראל.

* * * *

אין קאָטשין, אין דרום אינדיע, לעבן כמעט נאָר די „שוואַרצע ייִדן". די לעגענדע און טראַדיציע פון די דאָזיקע ייִדן דערציילט, אַז זינט שלמה המלכס צײַטן איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן אַ ייִדישע קאָלאָניע וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ געוואַלטיקן מסחר אין גאַנצן מזרח. אין קאָטשין איז פאַראַן אַ שול פון די „שוואַרצע" וואָס איז געבויט געוואָרן אין 17־טן יאָרהונדערט — אַ שול מיט וועלכער דער מאַהאַראַדזשאַ פון קאָטשין איז זייער שטאָלץ, נישט ווייניקער ווי די ייִדן.

אַנ'אַנדערע לעגענדע דערציילט, אַז אַ סך פון די בני ישראל האָבן זיך ערשט מגייר געווען אין 16־טן יאָרהונדערט.

בײַ די דאָזיקע ייִדן איז אָבער נישט קיין שפּור פון מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. זיי האַלטן זיך פאַר די אמתע יורשים פון דוד און שלמה. און דערבײַ זײַנען זיי שטאָלץ צו זײַן שוואַרץ און אָנערקענען אינדיע אַלס זייער פאָטערלאַנד — און ווילן אַ פרײַע אינדיע!

* * * *

## אַ באַזוך בײַ גאַנדי און נערו

איך מוז, כאָטש אין אַ פּאָר ווערטער, איבערגעבן אַ גרוס פון מאַהאַטמאַ (ווערטלעך מיינט מאַהאַטמאַ די גרויסע נשמה) גאַנדי און דעם אינדישן קעמפּערפירער דזשאַוואַהאַרלאַל נערו.

איך בין געוואָרן אײַנגעלאַדן צו נערו גלײַך ווי איך בין אָנגעקומען אין באָמביי. איבער אַ שעה האָב איך פאַרבראַכט מיט נערו אין הויז פון זײַן שוואָגער האַטאַסינג.

נערו איז פּאָליטיש דער ווירקונגסטער כּוח אין אינדישן קאָנגרעס. ער איז איינער פון די באַגאַבטסטע שרײַבער און אינטעלעקטועלע אין אינדיע. יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין תּפיסה. זײַן אויטאָביאָגראַפיע איז די געשיכטע פון אינדיעס קאַמף פאַר פרײַהייט.

נערו איז אַ סאָציאַליסט און אַלס איינער פון די פײַנסטע און פּראָגרעסיווסטע מענטשן אין דער וועלט. אַ פרײַנט אויך פון ייִדן, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך.

ער האָט זיך געוואַלטיק אינטערעסירט מיט דער לאַגע פון יידן און האָט אַ טיפע פאַרשטענדניש פאַר דער יידישער טראַגעדיע, ווי ס׳איז אפשר דעם לייענער באַקאַנט פון דער פרעסע. האָט ער מיר געגעבן אַ זייער סימפּאַטישע דערקלערונג וועגן יידישן פאָלק, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער וועלט־פרעסע.

נערו איז 56 יאָר אַלט. גראָ, אויסגעמאַגערט פון תפיסות, פון די ליידן פון זיין פאָלק. ער איז אַ גלאַטער מענטש וואָס רעדט איידל און שטיל (אין אַ וואונדערבאַרן אַקצענטלאָזן ענגליש) און קוקט אויף אייך מיט זיינע טיפע, וואַרעמע ברוינע אויגן.

אין אַ פריי אינדיע וועט נערו שפּילן די וויכטיקסטע פּאָליטישע ראָל און ער וועט זיכער ווערן דער ערשטער אויסערן־מיניסטער, אויב נישט נאָך העכער...

## צו גאַסט ביי גאַנדי

נערו האָט אַראַנזשירט מיין באַזוך ביי גאַנדי, וועלכער האָט זיך געפונען אין פּונאַ.

איך ווייס, אַז איך וועל דעם לייענער באַ׳עוולהן אויב איך וועל דערציילן בלויז בקיצור וועגן מאַהאַטמאַ — אָבער פאַרפאַלן...

איך האָב אַמאָל געהאַט אין לאָנדאָן, מיט 15 יאָר צוריק, דעם כבוד צו שפּאַצירן מיט אים פאַרטאָגס אין די פּאַגעדיקע גאַסן פון דער איסט־ענד (ער איז דעמלט איינגעשטאַנען אין באָו) און אויך דעמלט האָב איך קיין וואָרט נישט געשריבן וועגן יענעם שפּאַציר און געשפּרעך. פאַראַן זאַכן וועגן וועלכע מען קאָן נישט גלאַט שרייבן אין דער וועלט אַריין — זיי זיינען צו גרויס פאַר זשורנאַליזם.

גאַנדי איז באמת די נשמה פון אינדיע.

מען קאָן נישט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ גאַנדי איז מעגלעך אויב מען קאָן נישט אינדיע. און איך מוז זיך מודה זיין, אַז ביז וואַנען איך האָב נישט געזען אינדיע האָב איך גאַנדי נישט פאַרשטאַנען. איצטער דאַכט זיך מיר, אַז איך פאַרשטיי.

גאַנדי איז דער איינציקער מענטש אין דער געשיכטע וואָס האָט אַ גרעסערע נאָכפאָלגערשאַפט ווי וועלכער נישט איז אַנדער גרינדער פון אַ רעליגיע — ביים לעבן.

גאַנדיזם איז אַ רעליגיע.

אָבער גאַנדיזם איז אויך דער גרעסטער פּאָליטישער כוח אין אינדיע.

מיליאָנען פאַרגעטערן אים און בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט (ווען איך בין דאָרט געווען האָט מען אין אַ געוויסער פּראָווינץ אויפגעשטעלט זיין אָפּמאָל אין אַ טעמפּל און טויזנטער האָבן תפילה געטון צו אים. גאַנדי האָט קעגן דעם שטאַרק פּראָטעסטירט) אָבער די פּראָטעסטן העלפן נישט.

גאַנדי איז אַ הייליקער מענטש — און דערביי אַ קלוגער פּאָליטיקער. ער איז נישט קיין טיפער דענקער. ער האָט קיינמאָל קיין פּרעטענציע נישט



געהאַט צו זיין אַ פילאָזאָף. נאָר אַ פּשוטער פאָלקס־מענטש פון די אינדישע מאַסן באַאיינפלוסט פון טאָלסטאָי. אָבער זיין מאָראַלישע קראַפט איז אָן פּאַראַלעל, גלייב איך, אין דער געשיכטע.

* * * *

ער האָט זיך נישט פיל געענדערט אין די לעצטע 15 יאָר. אַ חוץ וואָס ער האָט פאַרלוירן די פּאָר ציינער וואָס ער האָט געהאַט. היינט, אַז ער האָט נישט קיין ציינער, דאַרף ער שוין גאָרנישט עסן (מיר, אַלס זיין גאַסט, האָבן אויך זייער ווייניק געגעסן: ברויט מיט צוואַרעך און באַשים מיט אַ ביסל צוקער און אַ ווייניק־געקאָכטע גרינצייג און מילך; פאַר גאַנדי איז געווייס דאָס אַ מאָלצייט פון אַ זולל וסובא...) ער איז אויך פיל שוואַכער ווי ער איז געווען. פריער פלעג איך אים קוים קאָנען דעריאָגן, אַזוי שנעל פלעגט ער־מאַרשירן אויף אַ שפּאַציר... היינט גייט ער אָנגעלענט אויף די אַקסלען פון צוויי יונגע מיידלעך, זייער פאַמעלעך.

איך בין דאָס מאָל געגאַנגען גלאַסן מיט אים שפּאַצירן אין הויף פון דעם קליניק. דער גראָבער ציבעלע־זייגער באַמבלט זיך נאָך אַלץ נאָך ביי דער זייט און דער זעלבער לייווענטענער געוואַנט (וואָס ער וועבט אַליין יעדן טאָג) אַרום זיינע נאַקעטע לענדן. די פּלייצעס און דער בויך און די פיס (אין סאַנדאַלן) זיינען האַלב־נאַקעט.

דער שמייכל פון גאַנדי מיט זיין ציינערלאָזן מויל און די וואַרעמע אויגן אונטער די פּראָסטע ברילן וואָס זיצן ביי אים אויף דער שפּיץ־נאָז ווי ביי מיין רבין זיינען דאָס כאַראַקטעריסטישסטע ביי אים.

ער גיט אייך שלום אויף אינדישן שטייגער: ביידע הענט צוזאַמענגעלייגט און אויפגעהויבן צום פּנים ווי אין אַ תפילה. און טאָמער פילט איר זיך אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט און קאָנט אים נישט צוריקגעבן די זעלבע אינדישע באַגריסונג (וואָס איך האָב זיך יאָ אויסגעלערנט און וועלכע איך האַלט פאַר פיל שענער און רעספּעקטפולער ווי אונזער באַגריסונג פון דרוקן די האַנט) דאַן גיט ער אייך שלום אויפן אייראָפּעאישן שטייגער.

ליידער האָב איך גאַנדין צוגעזאָגט, אַז איך וועל נישט איצטער שרייבן וועגן אונזער געשפּרעך, ווייל מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרשיידענע פּאָליטישע פּראָבלעמען וואָס קאָנען איצטער נישט פאַרעפנטלעכט ווערן. און איך וויל מיין וואָרט האַלטן.

איינס קאָן איך אָבער זאָגן, אַז אַ געשפּרעך מיט גאַנדי און אַ שפּאַציר גאַנץ פרי באַלד נאָך זיין דאַווענען (גאַנדי דאַווענט פיר אַ זייגער פאַרטאָגס און ער זינגט אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון באַהאַגוואַט גיטאַ; און דעלהי בין איך אויך געווען ביי גאַנדי ווען ער האָט צוזאַמען מיט 20.000 געדאַווענט „מנחה ומעריב״ אויף אַ פעלד) איז אַן איבערלעבעניש וואָס מען געדענקט ווי לאַנג די אויגן זיינען אָפן.

און נאָך איין זאַך: אַז גאַנדי איז איינער פון די גרויסע חסידי אומות העולם און אַ פריינט פון יידן. דאָס איז אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז ס׳איז כמעט איבעריק צו זאָגן...

# א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס...

I

## „עשה למען תנוקות של בית רבן"

אפנים, אז דער לאנדאנער רעליגיעזער ייד האט נאך אלץ מער אחריות פאר קיום האומה ווי דער ציוניסטיש־נאציאנאלער, און זיין לעבנס אינסטינקט און לעבנס ווילן איז שטארקער פונם באוואוסטזיין און עסטעטישן געשמאק פונם פראגרעסיוו־און סאציאליסטישן ייד. ער וועט נישט „אויסטוישן דאם רענדל" אויף פאליטישע פאפירלעך און אפיל־גראשנס...

דער רעליגיעזער ייד פארלאזט זיך נישט אויף די אלע „עדיקיישאן"־קאמיטעטן און קאמיסיעס און טומלדיקע „שול־קאנסעלס". וואס איידער וואס און ווען, וועט די יידישע יוגנט דעם „פארענער" קריש אפילו אויך שוין נישט מער נויטיק האבן...

דער פרומער ייד זארגט פאר תלמוד־תורות, פאר פריוואטע חדרים, טאגשולן, ישיבות מסבתות. די „עץ־חיים ישיבה", אפילו, וואס האט זיך נערעכט. אז זי איז שוין די „פעסטונג" פונם „מזרחי" און וואו אין די נידריקע קלאסן האט מען שוין נעפראווט מים ענגליש־„טראנסלייישאן", האט זיך דאך באצייטנס אומגעקוקט און עס האט דאך גובר געווען דער תמימותדיקער אינסטינקט, נישט די פאליטישע מאכערייקע. וועלכע איז קאפאבל אלץ מפקיר צו זיין — אפילו די „תנוקות של בית רבן"!

די לינקע פועלי־ציון אינם ארבעטער־רינג האבן, אפנים, נישט מער דעם „כוח גברא"... גובר צו זיין די אלע אויסערלעכע שוועריקייטן און אינערלעכע שטרויכלונגען, אז די איינציקע יידיש־וועלטלעכע שולע, זאל האבן דא א קיום.

אפנים, אז דער לינקער פליגל אין פאליטישן נאציאנאליזם איז אויך שוין א געבראכענער. אבער וואו זיינען די לאנדאנער „אקטיוויסטן"? אונזערע יידישע קאמוניסטן, מיין איך.. אויב אונזער „וויסן איז מאכט"־לאז, איז גוט צוויסן, אז אונזער יידישער אינסטינקט האט נאך א „כוח גברא"...

II

## ווען נישט מאהבת מרדכי זאל כאטש זיין משנאת המן

די פועלי ציון גיט ארויס דעם חודש א זשורנאל אין יידיש מיטן נאמען דער „יידישער סאציאליסט". האפנטלעך וועט דער „יידישער סאציאליסט", טאקע ווערן א חודש־זשורנאל, נישט נאר ער זאל זיך רק באווייזן אין די וויכטיקע פראפאגאנדע חדשים! ווי למשל, אין „זייער וויכטיקן" קאמף פאר אן עטלי־בעווין־רעגירונג און איצט מסתמא צו דער שקלים־אקציע און קאנגרעס־וואלן.

נישקשה, צווישן צענדליקער זשורנאלן און אויסגאבעס אין ענגליש, וואס די ציוניסטישע ארגאניזאציע גיט ארויס מעג זיך פאוואלגערן כאטש איין רעגעלמעסיקער פארטיי־זשורנאל. אדער כאטש וויניקסטנס אן פערטל־יאריקער אלמאנאך אין יידיש.



ווען נישט פון „אהבת מרדכי" זאל כאטש זיין פון „שנאת המן" — פראפאגאנדע קענן יידיש אין יידיש האט אויך א יידישן קולטור־ווערט...

מיר ראטן זיי זיי זאלן עס טון. ווארים עס קאן נאך ווערן צו שפעט!

ווארים ס'איז נאך א גרויסע פראגע צו משיח וועט קאנען אריבערקומען אויף א פאפירענער בריק פון לאטייניש אותיות — — —

III

## מיטן רעכטן פוס קאלענע קלינגער

א מיטגליד פונם פראפאגאנדע קאמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון", („ווי עס קריסטלט זיך אזוי יידלט זיך" — מיר האבן אויך שוין ברוך השם „פראפאגאנדיסטן" און „אקטיוויסטן"...) פרעגט מיך: ווי מוז זיין אונזער שטעלונג צו דער נייער צייטשריפט? סוף כל סוף וועט עס דאך ווערן א שטיקל קאנקורענץ צו אונז.

הלואי זאל עס ווערן א שטיקל קאנקורענץ! וועט אונזער קאמיטעט זיך מוזן מער אנשטרענגען... אויב ס'הייבט זיך שוין אן קאנקורענץ איז א סימן אז ס'איז שוין א שטיקל מסחר!

איך האלט מיך נאך אלץ ביי דעם זאץ פונם ארויסגעבער פון אונזער ערשטן ספר הספרים: „מי יתן והיה כל העם נביאים"! איך גלויב, אז מיר זיינען נאך נישט אין דער בחינה פון יענעם גוטן יידן, וואס האט געטייטשט: „מי יתן, ווער וועט געבן פריין, אז והיה כל העם נביאים, אז אלע יידן וועלן ווערן רבי'לעך...? אדער האלט עס שוין אזוי, חלילה, מיט אונזערע שרייבער?

ווי האלטן מיר שוין באריי, אז יעדער יידישער שרייבער זאל זיך האבן זיין זשורנאל, וועט דאך ערשט זיין דער בעסטער סימן, אז ס'איז נאך דא — געלד ביי יידן!

איך געדענקט דאך מין הסתם די מעשה מיט יענעם עסטרייכישן רייכן ייד, וואס האט געשאסן אין יענער מלחמה מיט אן איינעגעם הארמאט... און ווי האב איך געשאסן די גאנצע יארן פון דער מלחמה מיטן העפטל — הלואי ווייטער געזאגט געווארן.

איך באגריס אייך קאלענע קלינגער, מיטן רעכטן פוס!

ווי לינקס כ'פענדל זאל זיך נישט א דריי טון אצינד, ווארים ווינט און אייערע זעגלען האט איר נענוג — (ענטשולדיגט א געלונגענעם גראם — איך בין סוף כל סוף נישט קיין „געזעלשאפטלעכער קריטיקער" נאר א פשוטער גראמען־מאכער...)

מיטן רעכטן פוס און אויף לאנגע יארן. נאר מיט קורצע עלנבויגנס...

IV

## וואס וויניקער ביוראקראטיש און וואס מער לאיאל...

דער אויפרוף פון „ייווא", וועלכן מיר דרוקן אויף דער צווייטער זייט פון שער־בלאט האבן מיר באקומען צוגעשיקט דורך פארשידענע אומוועגן. קודם כל האט דער פארזיצער פון „פריינט פון יידיש לשון" אין מאנשעסטער אים צוגעשיקט צום פראפאגאנדע קאמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון" אין לאנדאן מיט א טענה, אז די טעגלעכע פרעסע האט עס איגנארירט, ווען

ער האָט עס צוגעשיקט צו זיי, אַז מ׳זאָל עס פאַרעפנטליכן, והשנית, האָט עס שלמה גאָלדענבערג צוגעשיקט „דירעקט" צו דער „רעדאַקציע" פון „לשון און לעבן", אַז מ׳זאָל עס פאַרעפנטלעכן, מיט כמעט אויך דער זעלבער טענה.

דער רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן" האָט זיך שוין אויסגעלערנט צו זיין אַ מענטש אָן טענות: ניי, האָב טענות, וועט נישט זיין, נישט לשון און נישט לעבן... אָבער, אַז אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג קאָן האָבן אַ באַרעכטיקטע טענה קאָנען מיר פאַרשטיין און אים מיטפילן און אפילו האַלבוועגס באַרעכטיקן.

סוף כל סוף מוז אַ „ייוואָ" האָבן די אַדרעס פון דער איינציקער טעגלעכער צייטונג, וועלכע איז נאָך געבליבן אין אייראָפּע, און צושיקן אַזאַ וויכטיקן אויפרוף דירעקט אין דער רעדאַקציע אַריין. — „לא על ידי מלאך ולא על ידי שליח".

מיר בעטן אָבער, אַז די צייטונג זאָל איבערדרוקן דעם אויפרוף, ווייל ער איז נישט נאָר וויכטיק פאַר די אָנגעשטעלטע און דירעקטאָרן פונם אַמעריקאַנישן ביוראָקראַטישן „ייוואָ". — אין ווילנע פלעגט עס גאַנץ אַנדערש זיין! — נאָר פאַרן יידישן ישוב דאָ, אַ טעגלעכע צייטונג אין אַ יידישן-מקום וויפל זי זאָל נישט ליגן איר טראָפּ אויף אַ געוויסער פּאַרטייאישקייט, זאָל מען אפילו זאָגן נאַציאָנאַלע שטרעמונג אינם פּלאַץ! — האָט התחיבותן און מוז בלייבן לאָיאַל צו אַלע שיכטן און גייסטיקע שטרעמונגען פונם ישוב. און די וויכטיקייט דערפון — פאַר דעם אויפרוף — איז ווייל אַ זשורנאַל דערגרייכט קוים צו הונדערטער לייענער און אַ צייטונג צו טויזנטער.

## מלאכה מלוכה!

איבער דער וויכטיקייט פונם פאַקט, דרוקן מיר אָפּ די ידיעה פונם „נייַ יידישן טעאַטער. אַזוי ווי מיר האָבן זי באַקומען פונם לייטער פונם טעאַטער, מיט דעם באַגייסטערטן זאַץ: „דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ טעאַטער פון אַן אַנדער שפּראַך (חוץ ענגליש) איז געוואָרן אַנערקענט". וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך דער וויכטיקער ידיעה, אין דעם „קאָלום", וועלכן מיר וואָלטן דווקא געוואָלט האַלטן וואָס מאָגערער, נאָר פון חודש צו חודש אַלץ לענגער.

מיר האָבן נישט באַנוצט די רעדאַקציע־שער פון דעם פּשוטן טעם, ווייל „לשון און לעבן" קאָן זיך קיין שער נאָך נישט לייסטן. דער רעדאַקטאָר באַנוצט זיך נאָך אַלץ מיט דעם ערב־שבתדיקן נעגל־מעסערל, פון יום־כיפּור־קטן צו יום־כפּור־קטן, אָבער אַ שאַרפס איז עס — אַז צוויי עדות קאָן ער דערמלט אָוועקלייגן! והשנית שמעקט די ידיעה מיט „גאַווערמענט", האָט ער מורא געהאַט זיך צו צורירן צו איר, צו דער ידיעה הייסט עס...

דעריבער זאָגן מיר וואָס מיר רעדן: פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן נישט קיין צו גרויסן אַפּשיי פאַר אַ יידיש פאָלקס טעאַטער. וואָס איז געזי־



כערט מיטן כוח פון מעצענאַטן און קאָמיטעטן, פּונקט אַזוי האָבן מיר נישט קיין צו גרויסן אַפּשיי פאַר אַ טעאַטער, וואָס איז „געזיכערט" מיטן כוח פון דער מלוכה — ביי אונז איז מלאכה מלוכה!

אַ יידישער אַקטיאָר קאָן זיך שוין כשר אויסהאַקן זיין שטיקעלע פּרנסה מישטיינסגעזאָגט, מיט זיינע איינענע פּיס — דאָס איבעריקע ווילן מיר גאָר נישט וויסן, אויב מיר ווילן איבערהויפּט וויסן... קאָנען מיר זיך ערשט פאָרשטעלן, אַז אַ „בריטישער אַרט־קאַנסיל" זאָל ערשט אַלצדינג וויסן! דאָס מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער האָט ביי אונז אַ ווערט ווייל עס איז אַ קונסט טעאַטער!

וועלן מיר טאַקע טון טון ווי אונזער טאַטע יעקב האָט געטון, מיר וועלן אָפּוואַרטן: „ונראה מה יהיה חלומותיו"...

ש.

## די גרינדונג פון אַ „ייוואָ"־אָפּטיילונג אין לאָנדאָן

זונטיק, דעם 26־טן מאַי איז אין הויז פון מר. און מרס. סאָנדערס פאָרגעקומען די גרינדונג פאַרזאַמלונג פון דער באַגייטער אָפּטיילונג פון אַ „ייוואָ" אין ענגלאַנד.

שלמה גאָלדענבערג עפנט די פאַרזאַמלונג געבנדיק אין קורצע שטריכן דעם פּלאַן פאַר דער נייער אַרבעט. עס ענטוויקלט זיך אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע אין וועלכער עס נעמען אָנטייל כמעט אַלע איינגעלאַדענע געסט.

עס ווערט באַשלאָסן צו שאַפן אַ צייטווייליקן איניציאַטיוו־קאָמיטעט אין צוזאַמענשטעל: ש. גאָלדענבערג, פאָרזיצער, רבי ק. ראָזען וויצע פאָרזיצער, מ. סאָנדערס, האָנ. סעקרעטאַר, י. פּאָדרוזשניק, קאַסירער און אַ קאָמיטעט פון ל. ב. הערוואַלד, מ. ווילענסקי, שלמה קאַן, ל. פינעס, ש. ל. קרעדיטאָר, קיסעלעווסקי, י. ריכטיקער א. נ. שטענצל.

## די פּראָפּאַגאַנדע קאָמיסיע טיילט מיט

די פּראָפּאַגאַנדע קאָמיסיע פון „פריינט פון יידיש לאָנדאָן" דאַנקט אונזער חברים־גרופּע פונם יידישן קולטור צענטער אין לידס פאַר די צוגעשיקטע £11-10-0 פאַר די פאַרקויפטע 200 קולטור באָנס.

## רעדאַקציע נאָטיצן

מיר מאַכן אויפמערקזאַם אַלע חברים און קאָלעגן אויף דעם ייוואָ־אויפרוף, וואָס מיר דרוקן אָפּ אויף דער צווייטער זייט פונם שער־בלאַט, און אויך אויף די אָנגעגעבענע אַדרעס פון דר. א. א. ראָבאַק.

די סקולפּטור אויף זייט 15 איז פונם יונגן וואַרשעווער יידישן סקולפּטאָר מ. סאָקאָל, וועלכער וואוינט איצט אין לאָנדאָן און איז אין דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה געווען באַשעפטיגט ווי אַן אינזשיניער אין דער קריגס־פּראָדוקציע.

# קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ

ווארשע. — אין שייכות מיט דעם 20־סטן יארצייט נאך דער גרויסער יידישער קינסטלערין, דער „מאמע פונם יידישן טעאטער", אסתר רחל קאמינסקא, איז אין ווארשע פארגעקומען א טרויער אקאדעמיע, וואס איז געווארן איינגעארדנט פונם יידישן צענטראל־קאמיטעט אין ווארשע. מיט רעדעס וועגן דער „מאמע" זענען ארויסגעטרעטן דער פוילישער אקטיאר בוטרים, אין נאמען פון פוילישן ארטיסטן־פאריין; ד"ר לעא פינקלשטיין, אין נאמען פון יידישן ליטעראטן־פאריין; וול. גאריק, אין נאמען פון יידישן אקטיארן־פאריין, די שרייבער: משה גראסמאן, בערל מארק און אנדערע.

נאך דער אקאדעמיע, האט דער עולם געמאכט א שפאציר צום יידישן בית־עולם און געלעגט א קראנץ אויפן קבר פון דער גרויסער קינסטלערין.

* *

קראקע.—ביי דער קראקאווער יידישער היסטארישער קאמיסיע איז דערשינען א לידער־זאמלונג פונם באקאנטן יידישן פאלקס־דיכטער מ. געבירטיק א.נ. „ס'ברענט", מיט אן הקדמה פון יוסף וואלף. געבירטיק איז געווען אין קראקעווער „געטא" ביז צום יאר 1942, וואו ער האט געשאפן דעם גרעסטן טייל לידער, וואס זענען ארויין אין דער דאזיקער לידער־זאמלונג.

* *

ווארשע. — אין פוילן דערשיינען, א חוץ דעם וואכנבלאט „דאס נייע לעבן", וואס רעכנט זיך אלס אומפארטייאישע צייטונג און ווערט ארויסגעגעבן פונם יידישן צענטראל־קאמיטעט אין פוילן, פאלגענדע אויסגאבעס אין יידישן לשון: „ארבעטער צייטונג", ארגאן פון די לינקע „פועלי־ציון" (א צוויי וואכנבלאט); „איחוד", ארגאן פון דער ציוניסטישער דעמאקראטישער פארטיי „איחוד", דעריבער טראגט אויך דער ארגאן זייערער, דעם העבראישן נאמען. אבער די אויסגאבע דערשיינט אין יידיש. „פאלקס־שטימע", א צייטשריפט, ארגאן פון דער יידישער קאמוניסטישער פארטיי אין פוילן. „פאלקס־צייטונג", ארגאן פון דער בונדישער ארגאניזאציע און „יוגנט־דוף" (אין פוילישער שפראך) פון „השומר הצעיר".

פארוואס גראד דער „השומר־הצעיר" גיט ארויס זיין צייטונג אין פויליש, איז שווער צו פארשטיין.

* *

ווארשע. — איבער די שטעט און שטעטלעך פון אונטער־שלעזיע, וואו עס פארמירט זיך א ניי יידיש לעבן אויף די חורבות פון פוילן, גאסטראלירן צוויי יידישע טעאטער־טרופעס. דאס „יידישע דראמאטישע טעאטער", אונטער די קינסטלערישע לייטונג פון דעם באקאנטן יידישן אקטיאר שמחה נאטאן, שפילט שלום עליכם'ס פיעסע „דער בלוטיקער שפאס".

„שריים", אזא כאראקטעריסטישן נאמען האט באקומען דאס ערשטע יידישע רעוויו־טעאטער, וואס גאסטראלירט אין ריכבאך און פירט אויף א לאבערייקע וואו נעמט מען א מנין?" די אקטיארן און אקטריסעס, וואס באטייליקן זיך אין די ביידע יידישע טעאטערס, זענען צוריק געקומען פון סאוויעטן־פארבאנד, וואו זיי האבן פארבריינגט די מלחמה־צייט.

קאטאוויץ.—אין נידער־שלעזיע געפינען זיך פאלגענדע, ניי־אנשטאנענע יידישע ישובים, וואס קאנצענטרירן זיך פון דעם יידישן שארית־החורבן פון פוילן און פון רעפאטריאירטע יידן פון סאוויעט־רוסלאנד: ריכבאך, ווראצלאוו (ברעסלוי), וואלבזשעק, ביעלאווא, פרידלאנד, ניעשטשא פוסטא, זשעליאנא גורא, קלאצקא, ליגניצא, לודוויקאווא, פיעטראלעסיא, זאגוזשע, ניעמטשא און א ריי דערפער. אין די באטרעפנדע נידער־שלעזישע געביטן געפינען זיך איצט לערך 30 טויזנט יידן.



* *

מאסקווע.—דאס מאסקווער יידישע קונסט־טעאטער וועט אינגיכן אויפפירן צוויי נייע פיעסן: „דוד ראובינני" פון דוד בערגעלסאן און „די זון זעצט זיך" פון איציק פעפער.

* *

אין די לעצטע צען יאר, האט דער אסוויעטישער מלוכה־פארלאג פארעפנטלעכט 240 אויסגאבן פון שלום עליכם'ס ווערק אין 12 לשונות. די גאנצע אויפלאגע האט דערגרייכט דריי מיליאן 263 טויזנט עקזעמפלארן. פון די 240 אויסגאבן, זענען 182 געווען אין יידיש מיט אן אויפלאגע פון איין מיליאן 590 טויזנט עקזעמפלארן.

* *

די צייטונג „איניקייט", וועט אינגיכן אנהויבן דערשיינען אלס טאג־צייטונג.

עס ווערט געפלאנט צו באנייען דאס ארויסגעבן פון „אמת" אלס יידישע טאג־צייטונג פאר די, צום סאוויעטן־פארבאנד איינגעגלידערטע פראווינצן בעסאראביע, בוקאווינע און די באלטישע לענדער.

* *

מאסקווע. — דוד בערגעלסאן, וועלכער איז אין דער מלחמה־צייט געווען שטארק אקטיוו, האט פארענדיקט א נייעם גרויסן ראמאן „אלעקסאנדער באראש", וואס באהאנדלט דעם אנטייל פון די סאוויעטישע יידן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און אין דער אויפבוי־ארבעט נאך דער מלחמה.

דער נסתר האט פארענדיקט דעם צווייטן באנד פון זיין ראמאן „משפחה מאשבער" און א ריי דערציילונגען פון דער מלחמה.

י. ארלאנד האט פארענדיקט א זאמלונג דערציילונגען „ברידער און וועלדער" און ארבעט איצט איבער א פיעסע אין וועלכער די אקציע קומט פאר אין שונא'ס הינטערלאנד.

אפרים קאגאנאווסקי ארבעט איבער א בוך וועגן יידישן לעבן אין ווארשע ערב דער מלחמה.

משה בראדערזאן האט אנגעשריבן א נייעם דראמאטישן עפאס און מלחמה־לידער.

רחל קארן האט צוגעגרייט צום דרוק א בוך לידער וועגן חורבן פוילן.

א. סוצקעווער האט פארענדיקט א ציקל לידער וועגן ווילנער געטא.

יוסף רובינשטיין ארבעט איצט איבער א פאעמע „די נאכט אויף נאלעווקעס".

חיים גראדע האט צוגעגרייט צום דרוק א זאמלונג לידער „מיט דיין סערפער אויף מיינע הענט".

די דיכטער א. ווערגעליס, א. גאלדשטיין, י. יאנאסאוויטש און אנדערע, האבן געשריבן דערציילונגען, לידער און סקיצן, וואס וועלן אינגיכן דערשיינען אין מאסקווער מלוכה־פארלאג.

* *

אין קאמבערנער קעמפ (אמעריקא־

נישע זאכע), האט די דארטיקע יידישע אמאטארן טרופע אויפגעפירט שלום אש'ס „קדיש השם". עס ווערט צוגע־גרייט א נייע פיעסע „תל־אביב".

דער „ריבוק" פון ש. אנ-סקי (רעזשי חיים פערלמוטער), איז געווארן אויפ־געפירט מיט דערפאלג אינם קעמפ פון פעלדאפינג.

* *

בריסל.—די 20 טויזנט יידן אין בריסל, האבן א כח איבערצוטראגן אויף זייערע איינגעבויגענע רוקנס גאנצע פינף פארטייען: ציוניסטן, „לינקע" און „רעכטע", פועלי־ציוניסטן, א הייפל בונדיסטן, קאמוניסטן און א ריי פארשיידענע פארטיי־גרופעס און ישא־טירונגען. די דאזיקע פארטייען האבן שיינע, חברות'דיקע היימען, נישקשה'־דיקע ביבליאטעקן און דריי וואכנבלע־טער, אחוץ די יידישע וואכנציייטונגען פון פאריז, וואס ווערן אין בריסל פאר־קויפט אין א היבשער פארציע.

בריסל פארמאגט אבער נאך עפעס, וואס איז ווערט א ברכה צו מאכן: יידישע פאלקס־שולן, אז עס לערנען זיך, אויב איך האב ניט קיין טעות, 600 יידישע קינדער.

בריסעלער יידן רעדן א געשמאקן יידיש; אפילו יידישע בחורים און מיידלעך רעדן יידיש.

אין בריסל איז טעטיק אן „ייווא". וואס האט זיך אפילו פארגונען ארויס־צוגעבן א ביולעטין. נאך עפעס פארמאגט דער בריסלער „ייווא" — א אייגן לאקאל מיט א ביבליאטעק און א לייענזאל וואו מען געפינט א יידישע צייטונג פון דער גארער וועלט.

* *

בלויז 20 טויזנט יידן געפינען זיך אין בריסל... 20 טויזנט, לגבי א פער־טעל מיליאן יידן אין לאנדאן, וואס פארמאגט ניט קיין איינציקע יידישע שול, אויף יידיש און אפילו חרפה פארמאגט ניט דאס יידיש לאנדאן, וואו יידיש לעבן ווערט איינגעטרוקנט און איינגעשרומפען.

* *

---

## קולטור ידיעות פון דא

ליט ווי מיר הערן האט די ישיבה „עץ חיים" אין לאנדאן באשלאסן ביי א קאמיטעט זיצונג, אז אלע לימודים זאלן זיין אין יידיש.

* *

דאס „ניי יידיש טעאטער" ביים פאלקס־הויז איז אנערקענט געווארן פון דעם „בריטיש ארטס קאונסיל" וואס איז א מלוכה אינסטיטוציע. דאס טע־אטער איז איצט געזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ און גענים פון אלע רעכט וואס עס גענים דער „בריטישער ארט קאונסיל". דאס איז דאס ערשטע מאל, אז א טעאטער פון אן אנדערער שפראך (חוץ ענגליש) איז געווארן אנערקענט.

* *

דער דריטער נומער פונם טעאטער זשורנאל איז די וואך־דערשינען. ער ענטהאלט אויך איניקע פאטאס פון ה. לייוויק מיט חברים און קולטור־טוער אין לאנדאן.

* *

עס איז דערשינען א מאי־יוני נומער דער „יידישער סאציאליסט".

* *

עס דערשיינט אין יוני די „פרייע



יידישע טריבונע", א צייטשריפט פאר ליטעראטור, קונסט און געזעלשאפט־לעכער קריטיק. רעדאקטירט און ארויסגעגעבן פון י. ח. קלינגער.

* *

דעם חודש דערשיינט פון י. ש. טויבש א בוך געזאמלטע לידער.

* *

בן־א סאכאטשעווסקים „למך השני" גיים באלד ארויס פון דרוק. זיין „למך השלישי", האט זיך יעצט אנגעהויבן צו דרוקן אין די „צייט". ער שיינט צו ווערן דער אינטערעסאנטסטער טייל.

* *

י. א. ליסקי גרייט צום דרוק א באנד דערציילונגען.

* *

א מייזעלס, דער לייטער פונם ניי יידישן טעאטער איז אפגעפארן אין פאריז און בעלגיע זיך צו באקענען מיט די יידישע טעאטערס איצט אויפן קאנטינענט.

* *

אונזער שלום עליכם פארלייענער און זינגער חזן ש. ראטה, איז צוריקגע־קומען פון זיין פאלעסטינער רייזע. מיר זאגן אים א ברוך לשלום.

* *

דעם 8־טן מאי אין יארטאג פון שלום האט דאס „ניי יידיש טעאטער" געגעבן א פארשטעלונג פאר די בעלזן־קינדער. זיי האבן אליין געשפילט ביל־דער פון דעם קאצענטראציע־לאגער אונטער דער אנפירונג פון אקטיאר לעאן בלומענזאן. פריץ זילבערבערג האט באגריסט דעם עולם און נאמען פון די קינדער.

* *

אהרן רומיאנעק, איינער פון די אק־טיווע טוער פונם לידזער יידישן קול־טור צענטער, א יידיש־העברעאישער שרייבער, פאר איניקע יאר ארויסגע־לאזט א בענדל לידער אין יידיש, איז פלוצלינג געשטארבן. צווישן זיינע צוריקגעלאזענע כתבים, געפינט זיך א גרויסע פאעמע און איניקע הונדערט זייטן אין יידיש און העברעאיש.

* *

די שייעפילערין דארא דימאנט איז ארויסגערופן געווארן פון אונזערע פריינט אין לידס, אויפצוטרעטן אויף אן אפשייד־באנקעט וואס דער לידזער קולטור־צענטער האט איינגעארדנט לכבוד דעם פארזיצער פונם קולטור־צענטער אין לידס, פריינט קויפמאן, צו זיין צוריק זיך באזעצן אין לאנדאן.

* *

זונטיק, דעם 2־טן יוני, 3 א זייגער בייטאג, אין קינגס־האל, 83, קאמערשל רויד, א.1. איז א גרויסער פאלקס־קאנ־צערט געווידמעט דעם אנדענקן צים 30־סטן יארצייט פון אונזער גרויסן פאלקס דיכטער שלום עליכם.

* *

דעם 20־טן יוני, ארדנט איין פריינט פון יידיש לשון און דאס ניי יידיש טעאטער א שלום עליכם פייערונג אין ארלער סטריט, וואו דער אנסאמבל פונם טעאטער וועט אויפפירן שלום עליכם'ס „שווער צו זיין א ייד".

* *

זונטיק, 26־טן מאי האט „לשון און לעבן" צוזאם מיט דער גרופע חברים די „פרייע ארבעטער שטימע" איינגע־ארדנט א גלעזל־טיי, אין לאקאל פונם ארבעטער־רינג, לכבוד די געסט י. נ. שטיינבערג און זיין פרוי, וועלכע ווייכן יעצט אין לאנדאן. שטיינבערג האט

געהאלטן אַ גייסטרייכן רעפעראַט און איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן.

*  *

מאַרק מאַרקאָוו אין פאַרבינדונג מיט „פריינט פון יידיש לשון“ פירט אויף דעם חודש „די גרינע פעלדער“ פון פּרץ הירשביין.

•  •

דער זשורנאַליסטן און שרייבער פאַראיין אין לאָנדאָן האָט איינגעאָרדנט אַ גלעזל־טיי פאַר י. האַניק צו זיין צוריקקומען פון זיין רייזע אין אינדיע. די טיי איז פאָרגעקומען אין האָטעל עספּלאַנאַדאַ.

*  *

אַ גרופּע פריינט און חברים פון איציק מאַנגער האָבן איינגעאָרדנט אַ גלעזל טיי צו זיין געבוירן טאָג אין האָטעל עספּלאַנאַדאַ.

*  *

אין „ווייטשעפּעלער אַרט־גאַלעריע“, איז אַן בילדער־אויסשטעלונג פון דער איסט־ענדער קונסט־אַקאַדעמיע, אויף וועלכע ס'ויינען אויך באַטייליגט איניקע יידישע קינסטלער.

*  *

אין טאָג פון שמואל זיגעלבוים'ס יאָרצייט זיינען אַ גרופּע פּראָגרעסיווע קולטור טוער און בונדישע פירער אין לאָנדאָן געווען באַזוכן דאָס לאָנדאָנער קרעמאַטאָריום און געלייגט בלומען אויף זיין אַש וואָס געפינט זיך דאָרט. צווישן די באַטייליקטע איז אויך גע־ווען די י. נ. שטיינבערג וועלכע גע־פינט זיך איצט אין לאָנדאָן.

*  *

היינטיקן פרילינג איז געוואָרן 100 יאָר ווי משה מאָנטעפיאָרע האָט באַ־זוכט רוסלאַנד און זיך באַקאַנט מיט דעם מזרח יידנטום, מיט זיינע גאונים און קולטור מענטשן און דאָמאָלסטיקע גרויסע העברעאישע און יידישע שריי־בער.

*  *

שבת, דעם 1־טן יוני פאָרט אָפּ אַ דעלעגאַציע פון אַרבעטער־רינג: ס. דרין, א. האָלאַנד און נ. קרעמער קיין פּאַריז זיך צו באַקענען מיט די געראַ־טעוועטע קינדער פון אייראָפּע, פאַר וועלכע דער אַרבעטער רינג אין לאָנדאָן האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו שאַפן אַ סומע פון 10 טויזנט פונט.

*  *

אין לאָנדאָן האָט זיך געגרינדעט אַ „ייוואָ“־אָפּטיילונג.

*  *

עס גרינדעט זיך אין לאָנדאָן אַ קליין־קונסט־טעאַטער אונטער דער אָנ־פירונג פונם שוישפּילער שלמה קאָן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

(קינגס־האָל, 83, קאָמערשל ראָוד, א.1. — 3 אַ זייגער ביטאָג)

שבת, דעם 1־טן יוני, וועט חזן שמואל ראָטה לייענען פון שלום עליכם.

שבת, דעם 8־טן, די טראַדיציאָנעלע שבועות פייערונג.

שבת, דעם 15־טן וועט יוסף פרענקל ריידן איבער זיין רייזע איבער די דייטשע לאַגערן, בעלזען־בערגען א.א.

שבת, דעם 22־טן וועט דר. טענענהויז האַלטן אַ רעפעראַט.

שבת, דעם 29־טן וועט אליהו פּאַלושאַק האַלטן זיין 4־טן רעפעראַט פון דער סעריע: „צווישן צוויי מלחמות“.




מזל טוב

דעם ליבן קאָלעגע נ. שטענצל צו זיין חתונה מיט

מאַרטאַ ראָזענבערג

ווינשט אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן—ש. י. דאָרפזאָן.

---

אַ האַרציקן מזל טוב פאַר פריינט

נ. שטענצל צו זיין חתונה מיט

מאַרטאַ ראָזענבערג

דאָראַ דימאַנט

---

אַ האַרציגן מזל טוב פאַר פריינט

נ. שטענצל צו זיין חתונה מיט

מאַרטאַ ראָזענבערג

משה עובד

יידישער אַרבעטער הילפס קאָמיטעט אין ענגלאַנד

צו העלפן די יידישע אַרבעטער אין אייראָפּע

(רעגיסטרירט אונטער דעם מלחמה־משפּרימעס אַקט 1940)

18/18a, ST. GEORGE ST.,
HANOVER SQUARE, W.1

מיט אַלע קאָמוניקאַציעס זיך צו ווענדן צום

ערן־סעקרעטאַר ס. עלשטיין

18, וואָרלאַנד רויז, נ.10

ג ר ע נ ד   פּ אַ ל י י

לאָנדאָנער אידישער טעאַטער

מענעדזשערס: מרס. נ. אייזיקאָוויטש

אונטער דער אָנפירונג פון מאַרק מאַרקאָוו

די קינסטלער קאָמפּאַניע:

עטאַ טאָפּעל, אַניעלאַ, עוואַ זיידמאַן, עלין ווינאָגראַד, חנה פּאָליאַקאָוו, רייטשעל סאָראָקין, פרידאַ טעמפּעל.

מאַרק מאַרקאָוו, אהרן פּאָליאַקאָוו, וואָלדעמאַר היינצע, סעם גאָלדבערג, יאָזעף מאַרקאָוויץ, איזידאָר בלעקער, הערי פּאַגאַנאָווסקי, שלום יאַקובאָוויץ.

פאָרשטעלונגען שבת, זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, 7.30

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאריס מייער

די איינציגע טעגליכע

אידישע צייטונג אין

אייראפא.

צו די חשובע ליינער פון
„מארגן-זשורנאל"
אין ענגלאנד

איר קאנט באשטעלן דעם ניו־יארקער „מארגן־זשורנאל" דורך אונזער לאנדאנער ביוראו ווען איר שיקט (אין פאריס) א טשעק אדער א „מאני־ארדער" פארן אבאנאמענט פון £3.17.6 א יאר, אדער £1.19.0 פאר 6 חדשים. באשטעלונגען אויף א קורצערן טערמין ווערן ניט אנגענומען. שרייבט דייטלעך אייער נאמען און אדרעס (אין בלאק־שריפט) און שיקט אייער באשטעלונג אויף פאלגענדן אדרעס:

"Jewish Morning Journal"
of New-York,
*London Bureau*: 66 Woodlands,
Golders Green, N.W.11
*Telephone*: SPEEDWELL 7935.

נײ-אידיש טעאטער

פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1

דירעקטאריום: ו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.
משערמאן: מ. ביטלער. אנפירונג: א. מייזעלס. האנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער

און די קינסטלער קאמפאניע לויט א״ב:

פרויען: אנא בוים, מארי גאלדשטיין, קלארא מייזעלס, מעטא סעגאל, אנא צעלניקער, מיני שערמאן א.א.

מענער: מאריס אקסעלראד, מאקס בוים, פאול גאלדשטיין, דוד סעגאל, א. פוקס, שלמה קאהן, יאזעף שערמאן, משר שאפירא, נייטען שווארץ, א.א.

מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין.

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאג געשלאסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זעקסטער יארגאנג    לאנדאן, יולי, 1946    נומער 7 (העפטל 78)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:


1 לכבוד אברהם רייזענען דעם בן־שבעים **

א גערינס זאלבע אבט, הוליעט בייזע ווינטן, מיין פריינט צו די
3 ווייסט? מיר ברעכן די וואנט (לידער) אברהם רייזען

6 „אם אין אני לי מי לי" (דערציילונג) י. ביעטש

11 דוד המלך (א טריפטיכאן) א. נ. שטענצל

דער זינגער פון פרייהייט און ליבע (צו א. רייזענס 70־טן געבוירנטאג)
18 יוסף הלל לעווי

32 איך בין צופרידן (פון דער סעריע איבערלעבענישן) משה עובד

35 אויפן פלאס דע לא רעפובליק (א סקיצע) אסתר קרייטמאן

38 ר׳ משה דער שניידער (א לאנדאנער באלאדע) קיטי בראון

40 אונטערן שלאס (א לעגענדע) ל. ש. קרעדיטאר

46 דער „ביג"־פייפער (א פעליטאן) נחום שטענצל

48 צו די באגלייטער פון אונזער הארציק לידעלע (ל״ד) משה עובד

(1) פאלקלאר און פאלקס־ליד. (2) שווער צו זיין א ייד (רעדעס ביי די
48 שלום עליכם־פייערונגען) א. נ. ש.

53 א גרויסער שלום עליכם פאלקס קאנצערט (באריכט) א. פ.

54 די יידישע וועלטלעכע שולע ביים ארבעטער־רינג (באריכט)

55 א קליין בלימעלע פון א מאל. פרץ זילבערבערג

57 פריינט פון יידיש לשון און די יידיש־וועלטלעכע שול (אויפרוף)

פון יידישן פאלקס־מויל (וויצן, גלייכווערטלעך און מעשה׳לעך)
58 שלמה גאלדענבערג

61 ידיעות מארבע כנפות הארץ

63 קולטור ידיעות פון דא

64 די „גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין (נאמ״ע)

64 מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס


פרייז 1 שילינג

אבאנאמענט פאר דער יאר 13ש. און 6פ.

אדרעס פון רעדאקציע

„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*